STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03067

A SHTERN IN FELD

Arie Shamri

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה שמרי / אַ שטערן אין פעלד

CANADIAN ZIONIST FEDERATION
LIBRARY

אריה שמרי

אַ שטערן אין פעלד

לידער און פּאָעמעס

גאָלדענע קייט

תל־אביב, 1957

אריה שמרי / אַ שטערן אין פעלד

פאַרלאַג די גאָלדענע קייט, תּל־אביב

שער־בלאַט פון יחזקאל קמחי

ARYEH SHAMRI

A STAR IN THE FIELD

POEMS

נדפס בישראל
כל הזכויות למחבר
Pirnted in ISRAEL, 1957

געדרוקט אין קאָאָפּ. דרוקעריי „אחדות", תּל־אביב

אַ מושל ביים ים

אַ מושל ביים ים

א

ניט גאָלד מײַן געפינס
אָט דאָ אויף דעם זאַמדיקן ברעג,
נאָר אַ שערבל אַ דינס
מיט אוצרות פון נעכטיקע טעג.

אַ מושלביין נאָר,
דערטראָגן פון כוואַליע און ווינט,
און ווער ווייס וויפל יאָר
עס ניגונען דאָרטן אַצינד?

ניגונים פון זיידעס,
איך הער זיי אין מושלס געברום.
דער ים איז אַן עדות
און ס׳איז אויך מײַן עדות די זון —

אַז געפינקלט פון זאַמד
האָט דער מושל צו מיר,
ווײַל דער ים האָט געעמט
מיט ווײַטע ניגונים אין מיר.

ב

ניגונים אין מושל
זיך ציִען מאַגנעטיש צו מיר.
געשפּאַנט אַלע חושים
און איך הער אַ טרער אין געפּריר.

די פעדערלעך־שנייען
פון מאַמישן ווײַסן אַמאָל —
אין טיגל פון ווייען
זיי ווערן אַצינדער קרישטאָל.

ניגונים, ניגונים,
אין ברוכקלאַנג פון העכסטן אַקאָרד.
אַ ברומען, פאַרשטומען
פון מ אַ מ ע, דאָס אור־ערשטע וואָרט.

אַ רים ביז די דנאָען,
אַ וווּנדיקער פויגל אויף ראַנד.
דאָס שווײַגן ווערט וואָיען,
עס פײַערט דער מושל אין זאַמד.

אַ בליץ אין דעם מושל, —
צוויי ברעגן פאַרשלייפט מיט איין פלאַם.
אַ שוועב גיט אַ בושל
און צינדט מיט די פליגל דעם ים.

ג

דו קליינער מושל, האָסטו געוואַרט אויף מיר?
איך ווייס אַז ניט.
ס׳געהער אין מײַנע טריט
האָט מיך אָפּגעשטעלט
פֿאַר דיר, מושל־וועלט,
און פֿון אַלץ וואָס האָט אין זיך באַהאַלטן,
אַלע שטורעמדיקע רוישן,
אַלע תּפֿילהדיקע לוישן —
האָבן אויפֿגעשוימט געשטאַלטן
מיט פֿאַנאַראַמעס ים.

דו שערבל־פּיצל,
ווי האָסטו גענומען אַזוי פֿיל בליצן
אין דײַן מויערקעפּל־אויער,
צו רוישן־לוישן דעם שטאַרקסטן מוט
און שאַרפֿסטן טרויער
פֿון דער מיסטעריע ים?

ווער ווייס ווי לאַנג דײַן דויער? —
פֿון ווען דו ליגסט אַזוי, אַ מויערקעפּל־אויער,
אײַנגעהערט צו דער מוזיק פֿון ים.

אַ הייך, אַ ברייט, אַ טיף,
גרונטן, האָריזאָנטן.
און צווישן שיפֿן — אפשר אויך די שיף
פֿון מײַנע זיידעס האָסטו געהערט,
ווען זי האָט געדאַוונט צו אַט דער ערד?

אַ לויב דעם טאָג,
וואָס דיך געפינען האָט מיר באַשערט
און מײַן פוס אויף ברעג בײַ דיר געשטעלט.
דו קלײנער מושל,
דו יאָדערל פון ים,
דו תמצית פון אַ טרערנדיקער וועלט.

אויף די גאַסן פון טיף־דעמערונג שטייט מײַן וויג,
און פון וועלכע שיינקייטן זאָל איך דערציילן?
די האַנט פון אומעט האָט מיך שאָטנדיק געוויגט,
און פון וואַנען זאָל איך ראָזשינקעס צעטיילן?

פרעג דעם וואַנדערער וואָס קען די ווײַטסטע וועגן,
פרעג די פּאַווע וואָס וויינט אין ים פארלוירן, —
ניט מיט מאַנדלען האָט מײַן מזל מיך באַגעגנט
צום געבוירן.

אוי, ראָזשינקעס און מאַנדלען — פון וועלכע ביימער?
אוי, האָניקן און מילכן — פון וואַנען און פאַר וועמען?
פרעג בײַ וואָרצלען אין דעם האַרטן קלעם פון שטיינער,
און די טרער — לאָז גליִען הינטער ברעמען...

מאַמע

א

דו איינע, דו ערשטע,
באַטעמערין פֿון מײַנע ליפּן,
פֿאַרזייערין פֿון מײַנע ערשטע רייד, —
צו דיר טראָג איך אין שטומעניש אַ חוב,
נאָר ווי צוריק פֿאַרקניפּן
וואָס צעריסן און צעשיידט,
וואָס זאָגן דיר אַצינד?

פֿאַרשפּעטיקט האָט דײַן קינד.
ווען דו האָסט נאָך געזאַפּטיקט און געזעטיקט
מיט דײַנע גוטסן די געטרײַע —
האָט מיך פֿון דיר פֿאַרהוילן
אַ ווינקעלע מיט שפּילערײַען,
מיט בערעלעך, מיט ציגעלעך ביז איך אײַנגעשלאָפֿן,
ביז איך בין אויפֿגעוואַקסן
און ווי אַ הירש אַנטלאָפֿן.

און ווידער — אין אַ ווינקעלע פֿון שפּילערײַען...
איך שעם זיך מיט די פּאַטשערקעס פֿון סטראָפֿן.
דו שטייסט פֿאַר מיר אין פֿײַערדיקע פּערל — —

מײַן הארץ וויל אַנטלויפֿן,
מײַן הויט איז אָפֿן.

ב

דאָ, אין סאָדם געדיכטעניש,
אין אָט דער שאָטנדיקער ליכטעניש
ווו זון ווערט סוד —
דימיונט אוים דײַן זון אַ טראָט
פון געגענונג,
דאָס שטאַרבן פון טויט,
דעם זיג פון ליבשאַפט.

איך חלום פון דײַן קומען, —
שאָרך פון סאַמעט,
ציטערן פון אָרעמס
אין דער געפלעכטעניש פון צווײַגן,
און ראָז פון עפּל אויף דײַנע קינען.

אין סאָד ווערט שטיל,
און איך — אין גאַנצן א ו י ע ר צו דײַן טראָט,
באַלד קומט די רגע פון גרויסן שטומען גנאָד
ווען אַלע ווערטער, ווי בלעטער פּאַראַיאָריקע,
ווײַט צעוואָרפן וועלן ליגן,
און נאָר דײַן ווײַסער קנאָספּ,
דער טויט-ווײַטער, חלום-וואָריקער —
אָט דאָ אין סאָד וועט אייגענען און היגן,
די ליבשאַפט וועט דעמאָלט זיגן,
שטיל פון שטילער וועל איך רופן: מאַמע,
און ווי אַ געשלאָגענער פון ווינט
וועל איך שטיין פאַר דיר שעמעוודיק געבויגן:
— פאַרגיב דײַן קינד,
דײַן טרער האָב איך ניט געפונען אין קיינעמס אויגן.

*

אַט איז מײַן לידערבאַנד,
זילבן, ווערטער — ניט דערערדט, —
דער שאַטנוועג פון ווײַטן לאַנד,
די יתום־טריט פון קינד־פּאָעט.

מײַן אָנהייב וואָס? אויף ווײַס געוואַנט
אַ נפשל אין הינערפלעט.
מײַן וועלטרוים — צווישן וויג און וואַנט,
מײַן חלומען — אַ טראָפּן זעט.

און שפּעטער — טריט אין שניי וואָס פלאַמט,
דער הונגער גליט און מאַמע גלעט.
און איידער־וואָס — מיט שטאָק אין האַנט
ווײַט־ווײַט צו די מרחקים העט.

צו האָריזאָנטן אומבאַקאַנט,
פון שטעטלם ש‏אַ צום רויש פון שטעט.
און ים, און ווינט, און זומפּ, און זאַמד,
און ווידער נאָך — מען וועט, מען וועט...

— אויב וועלט איז שלעכט — בענטש אַ לאַנד,
מיט ליכט פון זון די וווּנד באַגלעט, —
צו בוים אין בלי — שטרעק די האַנט,
און קוש זײַן האַלץ — דײַן אָרון־ברעט...

ס׳וועט ווידער זיַין אויף ווייס געוואַנט,
די זון וועט רוען אויף מיַין בעט.
פון טיפן בליק אין בלאָען ראַנד
וועט ליכטיק זיַין, כאָטש שפּעט, כאָטש שפּעט.

אָט איז מיַין לידערבאַנד,
און ווידער האָב איך ניט דערדערעדט.
צוויי טאָוולען מיט אַ טרער ביַינאַנד — —
פאַרגיב דאָס שטאַמלען פון פּאָעט.

דיין פנים

וואָס ווילסטו פון דעם שפּיגל?
צי האָסטו זיך פאַרשטאַנען?
איך וועל דיר דערמאַנען
אין וויגל־ניגון־ציטער
און אין זונען־שפּליטער
אין די טרערן פון מײַן מאַמען,
כ'האָב אַ גאַנץ לעבן זי געזוכט,
בײַ יעדן ווינט געפרעגט: אַוווּ?
און זי ביסטו.

וואָס וואַרטסטו נאָך פון שפּיגל?
וואָס זוכסטו אין זײַן קאַלטן גלאַנץ?
צו־האַרט דאָס גלאָז געשליפן,
ס'וועט סײַ־ווי ניט ווײַזן גאַנץ.

צי קענסטו מיך?
צי האָסטו זיך אַליין באַנומען?
קום מיט מיר צו קומען
צו מײַן ערשטן שיר־השירים־בליק, —
דו בליצסט אויף אין מיר ווי פּורפּור פון מוזיק.
צי געדענקסטו נאָך? דערצייל מיר דו — — —
זי — ביסטו.

דו ביסט זי און זי, ביסט זיי,
דײַן פּנים — פּנימט צוויי,
מײַן מאַמע און מײַן ערשטע ליבשאַפט.

ווי קאַלט און פלאַך דער שפיגל!
אַט ווי דו שטייסט פאַר אים —
פלאַמט אויף אַרום אַן עיגול,
און צוויי בעטן דיך:
זייער טויטע שיינקייט טראָגן — —

בלײַבט מײַן מויל פאַרזיגלט,
און נאָר דײַן פנים קאָן עס זאָגן.

אין טאָג פון מיין געבוירן

א

יאָרן — צוגערויבטע טויבן,
און אין טויבנשלאַק איז אָוונט.

דריבנע שטערנדלעך
ווי פעדערלעך פאַרבלוטיקט,
פאַלן, פאַלן,
און ווי וועל איך זיי באַהעפטן?

האַלב־לבנה זיך פאַרמעסטערט
צווישן מײַנע אויגן
און שינדט, און פיצלט
מײַנע וואַרקענדיקע נעכטנס.

דאָס וואָרט: א ו מ ע ט
איז איצט אמת,
איבעריק דער ווײַן
און די געשאַנקען.

ניט צווינגט מיך צו אַ שמייכל,
צום פאַלשן העפלעכן באַדאַנקען.

ווו זענען מײַנע נאָענטסטע?
לאָזט נורעווען די גרויליקע געדאַנקען.

ב

די טיר איז אָפן
און טאַטע־מאַמע וועלן ניט קומען.

זיי, וואָס האָבן מיך אַרויסגעפירט
מיט רחמימדיקן ציטער,
ווי אַ לעמעלע אַ פרומען
צו געפּיטער, —
ווו זענען זיי?

אַזוי דער גורל! —
אַליין־אַליינער,
קנעטן בלוט אין מולטער פון דעם האַרץ
און זיך שעמען צו וויינען.
כ'וואָלט אויפגעריסן מײַנע אויגן
און זאָל שלאַקסעווען דער צער און האַגלען.

זאָל ער אָנפילן מײַנע יאָרנס פײַערדיקע לאַגלען.

ברידער

א. זאָגט, ברידער

ווי ברענגען די העלקייט פון זונליכט
צום מילשטיין פאַר ווייַקער זאַנג?
ווי היטן אין אָוונטיק וווּנדליכט
דעם גאָלדענעם פונק פון געזאַנג?

ווי זינגען דאָס ליד פון דערוואַכן
ווען עס ברומט דער קוואַל פון געוויין?
זאָגט, גרייַז-גראָע ברידער אויף שליאַכן:
ווי היטן דעם פונק אין פאַרגיין?

ב. פאַרשעמטע פאָנען

אויף די פּלעצער פון אויפשטאַנד,
ווו פאָנען האָבן געזעגלט —
פאַרגלייזט דער טאָג
זײַנע טרערנדיקע אויגן
און גייט אַוועק געבויגן.

ווונדן איבער ווונדן,
די האָריזאָנטן אָנגעצונדן
און האַרץ פאַרלעשט זיך.

ווו זענט איר, יומטוב-פאָנען?
שאַ-שטיל,
אַ קרעמער מעסט די גראָע רעשטלעך,
און אַלץ דינט צום האַרטן געץ
וואָס שווײַגט און שטיקט.

אַזוי שטיל!
און נאָר דעם תּלינס פעדער
קריצט איר מויזיקע מוזיק.

אַזאַ גליווער — נאָכן הענגען און פאַרשטיינען!
אַ גיפּסענע לבנה דעקט צו די ערד,
און איך שטרענג אָן מײַן אויער
צו הערן דעם קאַפּויער,
אַז אַ מענטש זאָל כאָטש זײַן האַרץ אויסוויינען.

ווי יענער פּאָפּוגײַ,
וואָס איז פאַרבליבן איין־אַליין
נאָך אַן אַלטן שבט אַ פאַרלענדטן,
אין קלעם פון אורוואַלד,
אויף אַ בערגל פון סקעלעטן,
און געזונגען, און געזונגען
דעם לעצטן שפּרוך פון שבט,
— פון פאַרגעסעניש צו רעטן
אַזוי מיר, ייִדישע פּאָעטן.

אין קלעם פון אורוואַלד,
מיט פאַרקוילטע שנאָבלען
— און אָפּגעזעגטע פליגל
אָבל'ען מיר און אָבל'ען
אונדזער יאָמערדיקן ניגון,
אויף די בערגער פון סקעלעטן,
אונטער גרויליקע געשפּעטן,
מיר — פון אַלטן שבט,
ייִדישע פּאָעטן.

ד. סטרונעס

אויך אין אונטערטעניקייט —
אונדזער תהילימדיקע קעניגקייט.
מיר היטן די בלאָע קרוין
פון אונדזער זינגענדיקן הויכשטאַנד,
כאָטש דער גורל פּרעסט זײַן צוים
און קאָוועט אונדז צום יאָכשטאַנג.

אין אונדזער וואַלד ווערט שיטערער,
די סאָקן ווערן ביטערער,
און דאָך — זון איז זון
צו גרייסן און צו רימען,
און יעדן טאָג — זײַן ליכט,
און יעדן טאָג זײַן הימען.

די גראָע לעבעניש
אין חלום־שוועבעניש
זוכט אויס איר תיקון.

און די סטרונעס פון דווידס פידל
דעם גאַנצן רוים פאַרציִען
מיט רעגן־בויגנדיקע בריקן.

געבויגענע זאַנגען

אזוי טוט די צייט

אזוי טוט די שאַלערין בײַ חופּות:
זי צינדט אָן דעם בעז און צערעגנט אים אויף קעפּ,
די שטערן־בינען פליִען אָן, און שיכּור־זים
הייבט אויף דער פרילינג זײַנע אויפגעבלויטע טרעפּ,
ווו די פרינצעסין גייט צום אויסגעטרוימטן ריז.

אזוי טוט די צויבערין, די הייבאַם:
זי מישט די קרײַטעכצער פון קראַפּעווע און רויז
און טריפט בלוט אין ווײַן בײַ די בראָכשטולן פון גליק.
אַ זויגלינג לאַכט פון שוים, נאָר וואָלקנס אויפן הויז — —
די פרינצעסין גייט שוין פון די בלאָע טרעפּ — צוריק.

אזוי טוט די קברנטע די אַלטע:
זי שפּרייט אַש אין ווינט און באַווינטערט מידע קעפּ,
און ווי! דער ריז — קום זע — אַ קאַרליק גראָ באַפּאַרבט,
די פרינצעסין ציטערט, נאַכט פּאַכעט שוואַרצן קרעפּ,
און דער גזר פון געזעגענונג קלינגט דומפּיק־האַרב.

אַזוי טוט אַלץ די מײַסטערשע די צײַט, —
באַרעכנט — מילד, און האַסטיק ווילד, אי גוט, אי שלעכט,
און זי, נאָר זי אַליין — זי ווייס פון אַלץ דעם זין.
מיר בעטן, מיר בונטעווען, נאָר זי פאַרבלײַבט גערעכט
אין קוש פון רחמים און אין פײַערן פון דין.

דאָס שפּינראָד שפּינט,
באַהעפּט און בינדט,
און קלערט ניט וועגן פֿאָדעם.

נאָר דו, דער שפּינער —
עס צוקט דײַן האַנט,
דו זעסט אין פֿאָדעם דאָס געוואַנט,
און מער, נאָך מער —
אין האַרץ ווערט מינער — — —

דו ווייסט
אַז פֿעדעם זיך פֿאַרקנוילן
צו ווילן
און אויך צו גרוילן.

צומאָל — אַ ווינדל פֿאַרן קינד,
צומאָל — אַ פֿאָן מיט גאָלד אין ווינט,
און אויך — די ווײַסקייט פֿאַרן טויטן.
דו ווייסט
אַז פֿעדעם רײַסן זיך און ווערן צויטן.

די זעלבע פֿעדעם
צום וואַרגן און באַגנעדן,
בײַ חופּה און בײַ תּליה,
צו כּלה-שלייער און צו קריעה —
די זעלבע פֿעדעם.

פּעדעם וואָס ווערן ליכט,
בליִענדיקע קנויטן,
און פּעדעם — אָדערן
וואָס פּלאַצן אונטער הויטן.

דאָס שפּינראָד שפּינט,
באַהעפט און בינדט,
און וויל פון גאָרניט וויסן,
נאָר דו —
עס צוקט דײַן האַנט,
דו זעסט פון שפּינראָד ביזן ראַנד, —
די פּעדעם גראָ,
די פּעדעם רויט,
די געוועבן און די ריסן.

צער

א

געדענקסט? ס'איז האַלבע נאַכט געווען,
דער מולד האָט זײַנע גלעקעלעך געצײלט
און וויגנדיק זיי אויסגעטײלט
אויפֿן גאַנצן הימל,
פֿאַר יעדן אויג וואָס גאַרט און צערט —
אַ קלונג פֿון בשׂורה, אַ פֿינקלענדיקער סימן.

געדענקסט? אויף שויבן האָט געציטערט
אַ סאַמעט-פֿלעמל
מיט צאַרטקײט פֿון אימהות.
כ'האָב דיך אויפֿגעוועקט פֿון דרעמל:
— שטיי אויף, די שעה דײַן שעה איז;
דאָס איז די שעה ווען קנאָספּן ווערן עפּל
און פֿעלדער זאַנגלען צו די שײַערס;
— אויך דו — האָב איך געזאָגט:
ניט שרעק זיך ווען דײַנע קנאָספּן וויאַנען,
ס'איז דײַן שעה צו עפּלען און צו מאַמען.

געדענקסט? אַ פֿײַערדיקער בלאָ האָט אונדז געטובלט,
דער מולד האָט געלויכטן בײַם צוקאָפּנס
און תּמוזדיק אויף אונדז געאָטעמט.

ס'איז אפֿשר צו פֿיל גליק געווען,
כ'האָב אפֿשר צו פֿיל ליכט געזען,
און דערפֿאַר איז אונדז באַשערט אַ שאָטן.

ב

אַזוי איז דאָס קינד אַרויס
ווי אַ שלומערדיקע רויז
צום ערשטן בליִען.

צי האָט עס אויך געשריִען?

שטום און שאַ,
צי וועסטו קיין מאָל מיך ניט רופן מאַ,
און דײַן מאַמעס וויגליד אויך ניט הערן?
ווער האָט דײַנע ליפּן אָפּגעבריט?
וועלכער בייזער שטערן?

כ'וואָלט אַלע מײַנע קלינגענדיקע גאָלדן
פֿאַר דיר אָפּגעגעבן.
ווי פֿלעכט איך נאָך די גראַמען
ווען דײַנע ליפּן קאָנען קוים אַ שאָרך טאָן?

ווען איך קאָן טרייסטן איצט דײַן מאַמען
און כאָטש מיט איין וואָרט באַלעבן
דײַנע תּפֿיסהדיקע ליפּן, טאָכטער.

ג

און זי, די מאַמע פון אַלע שטומע,
העלען קעלער, די ניו־יאָרקער —
זי שיקט דיר היינט אַ טייבעלע אַ וואָרקער,
שפּיל זיך, טעכטערל, מיט ווייסע פליגל.

דער מלאך פון אַלע ווערטער —
אויך ער וועט ווען דערפליען
און אַראָפּרייסן פון דיין מויל דעם האַרטן זיגל.
שפּיל זיך, טעכטערל, מיט ווייסע פליגל.

*

זאָל איך זאָגן אַז שיין איז דער ים
ווייל ער האָט מיר אַ פּערל געשענקט?
זאָל איך זאָגן אַז שלעכט איז דער ים
ווייל ער האָט מיינע שוועלן פאַרשווענקט?

זאָל איך גיין מיטן גורל אין קריג
ווייל ער האָט פון זיין גוטס מיר געקאַרגט,
אָדער גאָר קניִען שטיל און באַזיגט
און זאָגן מיין יאָ, ווייל גורל איז שטאַרק?

וואָס טאָן מיט דעם גיפט פון פאַרדראָס,
דעם ווי פון יעדער טויטער מינוט?
ווען ס׳גייט איבער דער ביטערער כּוס —
ווי אַזוי בענטשן הכנעהדיק גוט?

אויך אויף מיר קומט די שעה פון זכרונות.
אזוי זאָגט דער געביטער פון יאָרן:
אַלץ וואָס יונג איז, און שיין איז, און טרוים איז —
מוז ווערן ז כ ר ו ן.

וואָס מיינט עס?
הירשל, גענוג שוין געקלעטערט,
פּאָווע, גענוג שוין געשימערט.
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ שעה,
ס'ווערט שפּעטער,
און שאָטנס אויף שוועל פון מײַן צימער.

דאָס מיינסטו:
די חשבון ווערט גרעסער
און אַליינזײַן איז בעסער;
דאָס ווילסטו:
איך זאָל נזירדיק איידל
אַרײַנגיין אין שיידל
ווי אַ טשערעפּאַכע;
אַז איך זאָל אויפהערן בלאָנדזשען
צווישן די טריט פון גאָט
און דעם נשמה-געפּלאָטער
פון מענטשן
און זאַכן.

אַלץ, זאָגסטו, פאַרגייט און צערינט,
און יעדע כוואַליע טרעט אָפּ
ווײַל איר גבורה נאָר שוים איז.
איך קוק צום ים,
און דו ווײַזט מיר אַ זעגל געבויגן איןווינט — —

ווײ, עס קומט די שעה פון זכרונות.

איך וואָס האָב אַזוי ליב דעם אַצינדער,
די פעלדער, די קינדער,
און יעדער שמייכל — מײַן לוין איז,
און יעדעם גרעזל — מײַן קרוין איז, —
ווי וועל איך אַרײַנגיין אין שיידל
צו פלעכטן זכרונות?

צום הינטל לוקי

א

פֿאַרנאַכטיק, נאָכגעביק —
דײַן געקני פֿאַר מיר, לוקי.
אַזוי תּפֿילהדיק דײַנע לאַפּעס אין גראָז,
און אַזוי פֿאַרקימערט קוקסטו נאָך
ווי עס אַנטלויפֿט דעם טאָגס גאָלדענער האָז.

שוין אָפּגעהאָפּסלט אַלע האָפּסן
מיט די כּלבֿטעס און מאָפּסן, —
פֿאַלסטו מיד, און ציטערסט און צוקסט
צו מײַן ליבשאַפֿט.

פֿאַר נאַכט איז אַצינד,
איין זון אויף אונדז ביידע צערינט.
אויך איך קני אַנידער אין זיך —
זוכן ליבשאַפֿט און ליכט,
און מײַן שאָטן ווערט גרעסער
ווען איך זע דיך אין גראָז.

(דו ווײסט מיך קיין מאָל ניט פֿאַרשטיין —)
דיר איז בעסער,
איך האָב שוין לאַנג פֿאַרלוירן מײַן באַלעבאָס — — —

ב

כ׳וויל אויך אַ האַנט וואָס זאָל מיך גלעטן,
ווּ איז זי, ווּ?
מײַן געבייזער וועל איך באַלד צעבילן
אויף דײַן רו.

לוקי, פאַר וואָס שווײַגסטו אַזוי שטיל?
דו נעמסט מײַן ליבשאַפט — נעם אויך מײַן צאָרן,
און פאַר מײַנע טעג און יאָרן —
ביל!

שפּעט פאַרנאַכט איז אַצינד,
און נאָך אַ טאָג וויינט בלינד.

יעדער טאָג מאָנט זײַן לעבן
און וויל ניט פאַרגעבן
דעם צאַנק און פאַרגאַנג,
אויך ווען דער הימל וואַרפט צו
אַ שטערן — אַ ביין.

ביל, הינטל, מיט מיר,
און קריץ מיט די ציין.

אויף דעם גליט מען אַ לעבן

דער טאָג — זײַן וועג באַוווּסטיקט,
שטאָלצער פֿײַערוועג פֿון מ ו ז.
ניט פֿאַרשטעל אים מיט אַ שלייער
פֿון אײַנגערעדטן גוטס.

אויף דעם גליט מען אַ לעבן —
צו לײַטערן פֿאַרשטאַנד;
צו איידעלן מעטאַלן
אין יסורימדיקן בראַנד.

דער וועג פֿון טאָג — צו מערב,
ווו דער רויטסטער טיגל פֿלאַמט.
גיי פֿאַנג אין טאַנץ פֿון פֿונקען
דעם גאָלדרינג פֿון פֿאַרשטאַנד.

דעם טרויערס שוועסטער

גיי דורך מענטשנהײַזער
און דורך זיך אַליין,
און לערן
אַז די פרייד די וואָלוועלע
איז איבעריק.

איין טרער קאָן צודעקן דאָס גרעסטע געלעכטער
און שלאָג זיך נאָר פאַר גרויסער פרייד
וואָס איז דעם טרויערס שוועסטער
און וווינט מיט אים צוזאַמען
אין די טיפע פלאַמען
פון יעדנס האַרץ,
און אויך אין דיר.

גיי דורך מענטשנהײַזער,
און צו זיך אַליין עפן אויף די טיר.

אַ קראַנץ פון בלומען אויפן שטערן,
און די פּיַיקע, פּונקענדיק, אין האַנט.
וואָס זעסטו, יִינגל, אויף דײַן שיידוועג?
איך זע, איך זע דעם גרויסן ליידוועג,
די בלומען וועלן דערנער ווערן
און עס שפּרינגט שוין פּיַיער אויפן ראַנד.

— מײַן ראָז און בלאָ — אין בלײַ פאַרטושט,
און דער וואָלקן זאָגט: גענוג געשטיפט;
מײַן טרוים און טאַנץ, געשוועב און קוש —
ווערט נאָך ביטערן פון רויך און גיפט.

יאָ, אמת, יִינגל, דער בלאָ פאַרבליט
און דער ראָז ווערט רויט פון וווּנד און שאַנד.
גיי, בלאָ־ראָזער, גיי אַראָפּ פון וואַנט
און זאָג דײַן מײַסטער, אַז וועלט שוין גליט
צו די נײַע פאַרבן פון זײַן האַנט, —

אַז אַלע בלימעלעך צעפאַלן,
און מיט שרויטן פּליאַמעדיק באַשיט —
בלויט אוים, ראָזט אוים דער יִינגל־מלאך
אין טונקל־גראַנאַט
פון גראַנאַטן
אין מאַדריד.

מלאכים טוען אוים די בלאָע פליגל,
מיט קופּער קלימפּערן די קאַסקעס
און גרויזאַם איז דער גראָ פון די שינעלן.
זאָג אים, דײַן פּישופּדיקן מײַסטער,
אַז גוט וואָס ער פאַררינגלט
די מאָכיקע אַטעליע
פון אַקוואַרעלן.

ווער זעט נאָר פרייד — זײַן האַרץ צו ווילן
מיט גראָז און שטיבעלעך בײַ פּלויטן?
צי קיין מאָל ניט געפילט די גרוילן
ווען גראָזן ווערן יאָרצײַט־קנויטן,
און ס'ווערט די ערד ווי אויפגעהוילן
ווען אונטער גראָזן רירן טויטע?

צי קיין מאָל ניט געפילט דעם אומעט
פון שלווה־שטיבעלעך אויף פּליינען,
ווען דער פרילינג ווערט געל פאַרזומערט
און זומערס האַרבסטיק זיך צעוויינען,
און בליצן אײַלן מיט געברומען
פון וועלטן צאָרנדיק־געהיימע?

האָסטו געזען אַמאָל אַ פויער
אין ציטערניש איבער אַ קערן, —
זײַן תּפילה צו דער ערד, דער רויער,
ווען שטורעם טוט די וועלטן קערן?
די ערד — איר שוואַרצקייט איז פון טרויער,
און יעדע זריעה איז מיט טרערן.

מיט דיר וועט בלײַבן נאָר דאָס בוך,
פון אַלע קאַרנאַוואַלן — אַ שאַרכיק בלעטל.
אַלץ וואָס האָסט געליבט, געזוכט,
די אַלע סערענאַדעס און אַלע גטן —
אין איין קראַנץ פון רויז און דאָרן
וועלן בליִען אויף שורות־בייטן פון דעם בוך;
אַלץ וואָס האָסט פאַרשפּילט מיט יאָרן
אין גענאַש פון קושן און אין אַש פון פלוך —
וועסטו זוכן אין אַ בלעטל,
ביינאַכט, אַן אײַנגעקאָרטשעטע אין ווייכן פּוך;
אײַנשלאָפן אין קאַלטן בעטל
מיט דײַן לעצטן ליבלינג — אַמאָר וואָס שוועבט **אין בוך.**

שלאָף אײַן, ער וועט קומען רעטן,
אין חלום דיך פאַרהילן מיט אַ כלה־טוך;
דיך צום שטערנטאַנץ פאַרבעטן
ווי אַמאָל אין מיידלשאַפט — מיט אַ צאַרטן **שפּרוך.**
ליבשאַפט — לוין פאַר אַלע צערן —
זי וועט דיך געפינען ווײַל האָסט איר געזוכט.
אַלע בעטלערס און פּאָעטן,
אַלע פירשטן און קלאָשאַרן
וועלן זינגען אין דײַן חלום איר צאַרטן שפּרוך,
און וועסט דאַנקען רענואַרן
פאַר די פאַרבן און די ווײַנען אין דעם בוך.

קאַמעלעאָנען

א

און אויב ס׳איז אמת אַזוי,
אַז פאַרבן זענען די טרערן פון גאָט —
טריפט אין אײַך דער געטלעכער סוד,
קאַמעלעאָנען,
און יעדער פון אײַך, קאַמעלעאָנטשיק דער מינדסטער,
שפּיגלט אײַן, שפּיגלט אויס אַזאַ ליכט,
וואָס איז נאָך פאַרהוילן און פינצטער
פאַר אונדז, מענטשן מיליאָנען.

ב

דו דרויב אין שטויב, ווייך גערעיעניש בײַ פּיס,
תמיד דערשראָקענער פון מינדסטן פּליסטער —
כ׳בייג זיך אײַן צו דיר, און כ׳זע אין דיר אַ ריז,
צווישן שאָטנס — אַ שטראַלנדיקער נסתר.

ס׳איז איצט האַלבער טאָג, און אַזוי פיל זאַכן
שווײַגן שטאַר, אײַנגעדרעמלט ווי פאַרן שטאַרבן,
און נאָר דו — אין דײַן יעדן צוק ד ע ר וו אַ כ ו נ ג,
אַ, זאָג, ווו נעמסטו אַזוי פיל פאַרבן?

אָט אין גראָז פאַרגראָזט, און אָט פאַררויזט אויף רויז
אין פלינקן וויקלטאַנץ מיט בלעטל-בליטל.
גרין ווערט פורפור, בלאָ ווערט ראָז, אַלץ מישט זיך אויס
ווי זילבן, ווערטער, אין זינגעוודיקן קאַפּיטל.

און אָט שטעלסטו זיך גאָר אויף אַ טרוקן ריטל,
און אויך דאָ — צאַפּסט דעם גרין און ס׳ווערט מײַק.

און נאָר איך אַליין — כ'זאָג צו זיך מיט ביטול:
נאָר איך אַליין בלײַב גראָ אין דער מאָזאַיִק.

איך, צוקוקער און שטוינער, אַ בריאה — גרויס
מ'שטיינס געזאָגט מיט איר טראַכטעניש די כיטרע — —
איך פאַל־צו צו דיר: אָ, ברודערל, זאָג מיר אויס
דעם סוד פון דײַן פענדזל און פּאַליטרע.

ג

אויב אין דיר טריפט געטלעכער סוד
פאַלט פאַר דיר מײַן נשמה:
זע, זע וויפל ליכט אין האַלבטאָג
און וויפל טראַכטאָמע.

ברודערל דו, אַנטלויפער העט־ווו,
מײַן תּפילה נעם מיט,
און זאָג צו דער זון, אַז פון הונגער צו זען
טריפט מײַן אויג ווי בלוט
אין איר סאַמע מיט.

ד

צום ליכט וואָס איך בענק — איז אַלץ מינער,
כ'וויל ליכט איבער ליכט, ליכט אין ליכט.
צו זײַן די באַגינענס באַגינער —
מײַן הונגער, מײַן עול און מײַן פליכט.

זע, ווי ברייט איך רײַס אויף די אויגן,
ווען ליכט אין מײַן חלום זיך צינדט.
איך זוך אין שטויב דעם רעגן־בויגן
און אויב געפין איך נישט — ווער איך בלינד.

דער אָפּענער מילגרוים

אין רוים פון קליינעם מילגרוים
האָסטו אַרײַנגעפּאַסט
דעם איידלשטיין פון זון,
די מלכותדיקע גאָלדן און פּיאָלעטן;

אַ שיינקייט צוגעזיגלט
מײַן הונגער אויפצורייצן
און ניט צו זעטן.

ווי לאַנג די האַרטע שאָלעכץ פאַנצערט —
פיבערן די פינגער,
מיניען סודות אויף די ווינעס,
און אַרום דעם קליינעם מילגרוים טאַנצן
מײַנע שחרן און שקיעות,
נאָר ווען די שאָלעכץ פּאַלט צעשניטן,
ווי נאָר עס פּלאַצט דער שטאָלצער חותם —
ווערן אַלע פּראַכטן — נ י ט ע,
און וואָס י אָ — בין איך ניט אויסן — —

ביים טיש איז פריילעך,
דער מילגרוימזאַפט רינט־אָן בשפע
און ווער עס וויל מאַכט שהכול,
נאָר מײַן רעגן־בויגן פּלאַצט אין נעפּל, —
ווו ביסטו, מילגרוים?
איך זוך און וואַקל.

ווּ ביסטו, מילגרוים גאַנצער,
אין דײַן מלכות אָפּגעשלאָסן?
איך זוך מײַן האַרץ אונטער דײַן פֿאַנצער,
נאָר דײַן בלוט איז שוין פֿאַרגאָסן.

אָט וואַלגערט זיך דײַן שאָלעכץ,
און איך זוך ווי אַ בעטלער דײַנע אוצרות —
צעגריזשעט פֿון פֿאַרדראָסן.

די קענגורין

מיט וואָס דערפרייען די קענגורין,
די זעקלשלעפערין די מידע,
ווען טאָג שפרייט גאָלד אויף אירע שפורן
און זי וויל ווערן אַ נגידה?

דער גאַנצער גאָרטן שיַינט באַפאָרבן,
און אַלע חיות שטרעקן צונגען.
מען וויגט די הערנער און די האָרבן,
מען חלומט גיריק פון די דזשונגלען.

דאָס שוועלבל זינגט, עס ברומט דער אָדלער,
און אַלע פליגל אויפגעעפנט.
דעם שוועלבל חלומט זיך אַ יאָדלע,
דעם אָדלער — באַרג און ים און סטעפעס.

און שטיל, מיט איידעלע קאָנטורן
הייבט אויף איר פנים די זשיראַפין,
און זי אַליין בלויז, די קענגורין,
די הויקערדיקע גראָע שקלאַפין —

קיין מינדסטע געציר, נאָר שמאַטע-לאַטע,
און לאַסטן — אביונדיק און עלנט.
ניט איר דער גאַנג, ניט איר דער פלאַטער
פון די זשיראַפינס און גאַזעלינס.

אַזוי צעריסן, ניט פֿאַרהעקלט,
אָנגעלענט אויפֿן עקנשפּיצל —
שלעפֿט זי פֿאָרכטיק אַ קינד אין זעקל,
איר קענגורעלע, דאָס פּיצל.

אַ מידע קניט זי בײַ דעם פּלויטל —
אַ טיף פֿאַרשעמטע אויף איר נאָמען.
זי, די שקלאַפֿינע די פֿאַרגרויטע,
זי, קעניגורין — זי קען נאָר לאָמען.

נאָר די פֿינצטערניש וועט פֿאַרטײַען
אירע ווייען און איר קינאה,
נאָר ווידער וועט די חרפּה שרײַען
אין שפּיגל־ליכט פֿון דעם באַגינען.

מיט וואָס דערפֿרייען די קענגורין,
מיט וואָס לינדערן די ווייען?
איך טו ווי זי מײַן קאָפּ פֿאַרגורען
און עם רײַסן זיך געשרייען.

די שאָטנס פון זומער

אויף די קברים פון משה און הדסה

א. אין יענעם זומער

אין העלקייט פון יענעם פּרוכטיקן זומער
האָב איך זינגען געוואָלט
מיט לויטערן גאָלד
דעם זמר פון זומער,
זינגען מיט אײַך, די געזעמלען פון בינשטאָק,
איר, זיסינקע זשומער.

נאָר פאַר וואָס אַזאַ מזל, מײַן בינשטאָק?
דו ווילדבין פון גורל, ווי האָסטו געביסן! —
כ׳זאָל לאָזן דעם האָניק טריפן אין רינשטאָק,
און אין העל־העל פון זומער — גאָר טרערן און ריסן — — —

לוויות און שאָטנס,
און אין מײַן האַרץ דעם פאַרברענטן —
ווי גאָליק האָט מיך געקימערט
ווען ס׳האָבן קברנים פאַרשאָטן
און ס׳האָבן געמעקט די רעיענטן
די נשמה פון זומער.

און דעמאָלט: סאַראַ פאַלשקייט — האָב איך געשריגן, —
אַז די זון איז ניטאָ
און אַז פינצטער די שעה
— אוי, סאַראַ ליגן!

ב. אין ליידיקע שטיבער

דאָ, אין ליידיקע שטיבער אָט די,
ווו עס פינצטערט אין דעם האַלבטאָגיקן גלי,
אין אַ פֿאַרזיגלטן אַלמער די חתן־כּלהס פֿאַראָבלטע רעשטלעך —
אַ מײַזעלע שקראָבעט.

אָ, האַר פֿון די שאָטנס,
צי איז דען ניט געננוג דאָס גליק וואָס פֿאַרלעשט זיך,
פֿון אַזעלכע צוויי מיט צוויי אומגעריכטע טויטן,
און שיקסט נאָך אַ יורש — אַ מײַזל
צו שקראָבען, צו גריזשען, צו פּליקן?

און דאָ, אין אָט די ליידיקע שטיבער —
איך הער נאָך דאָס רופֿן: מײַן ליבער!
און צווישן פֿאַרשאָטנטע פֿענצטער —
פֿון זוניקע פֿעדעם, פֿון שטראַלעכלעך דינע,
נאָך וועבן, באַלעבן די שפּינען
דעם כּלהשן שלייער — —

אָ, אייביקייט גרויסע,
די פֿון גרויל און פֿון שיינקייט,
ניט איך קען זי און ניט איך פֿאַרשטיי זי.

ג. אַ טענה

צו דעם וואָס זײַן הונגער איז ליכט,
און זײַן זינגען איז ליכט —
פֿאַר וואָס האָסטו דײַן פּנים פֿאַרקרימט
און דעם ניגון פֿאַרשטומט,
אַז איך זאָל זײַן מינער פֿון קראָט,
וואָס ראָיעט בלינד און געהיים
אין דעם געשלומער פֿון ליים
און זוכט ניט זײַן גאָט
אין די געוועלבן פֿון ליכט.
און ווען ליקוי־חמה אויף מיר
און איך פֿינצטער און פֿריר
פֿאַר דײַן טויער און טיר —
צי ווייסטו דאָס, האַר?

אָ, דו, כּולו זון,
דו ווילסט ניט וויסן דערפֿון
און טרעטסט מיט דײַן קופּערנעם פֿוס
אויף מײַן צער.

צי דען ווײַל מײַן הונגער איז ליכט
און מײַן זינגען איז ליכט,
צי דערפֿאַר?

ד. די צוואה

פון אונדזער שיין הויז — אונדזער האָב און גוטס —
ניט קימער זיך מער,
זעסט דאָך אַליין, אַ מענטש נעמט ניט מיט,
נאָר שער אַראָפּ די טריקעניש פון די רויזן,
גיב וואַסער דעם מילגרוים,
און די ציג, וואָס וואַרט אויף אַ מעלקער ביַי דער טיר —
האָב רחמנות אויף איר,
און דער עיקר די קינדער —
נעם זיי אַרויס פון דעם הויז
און פיר זיי צום לעבן אַרויס,
אַז זיי זאָלן וועלן לעבן,
שטאַרק וועלן לעבן,
און זיי זאָלן אין אונדז געדענקען
און פאַרגעבן.

ה. פון דער טיף

— דו, אין דעם הינערפלעט
פון שווערן גורל,
דו, אין געפאנגענשאפט
צו נאכט און מורא —
פארשטאליק דיינע לײדן,
וועלט אין זון צו טראגן,
איטלעכן טאג — ווי א זויגלינג אויפן ארעם.

דאס האב איך פארנומען
פון דער טיף צווישן קברים.

איר שטענגעלעך דינע, ווער האָט אײַך געשליפן,
מיט וואָס פֿאַר אַ מײַסטערישע גריפן
אַזוי איידל און צאַרט און קוים־קוימיק?
און איר דאַרפט עס טראָגן
אַ בלאָקייט אַזוי כּלהדיק, טרוימיק,
און אַ ראָזקייט אַזאַ פון קינדערשע חנדלעך
אויף אײַערע לײַכטע צעווינטלטע קריינדלעך
אין זומער,
אין גליזיקן מיטן
פון שטויב און פון קופּער די מאָנאָטאָנע.

אָ, גיבער, סכּנה!
נאָך איידער דער פלאַם האָט אײַך פאַרשניטן,
נאָך איידער דער ווינט ווערט אײַך צעשיטן —
איך שנײַד אײַך מיט ברכה
און איך פאַרקרענצל מתּנות,
צו וועמען?
צו קברים, אָ, טײַערע נעמען! — —
אויך אַ ביסל פאַר זיך אין דער וואַזע
ניט צו פאַרשעמען דעם עולם־הזה,
און די שענסטע, די בעסטע — מײַן חבר דעם זינגער,
וואָס ליד בליט ווי גלאַדיאָלישע קריינדלעך
אויף זײַנע דינע גליזיקע פינגער.
בײַ אים וועל איך פרעגן: אַוודאי ווייסטו
ווער ס'האָט די דאָזיקע שטענגלעך געשליפן,
און מיט וואָס פאַר אַ גריפן?

*

נאָך יעדן שטרויכל האָב איך צונויפגעקליבן
דאָרע זאַנגען זיבן,
רעשטלעך פון מײַן חלום,
און דורך ווינט און פײַער
זיי געטראָגן צו מײַן שײַער,
כאָטש איך האָב געוווּסט
אַז איך וועל ניט דרעשן און ניט מאָלן.

פון יעדן דורכפאַל האָב איך צונויפגענומען
די שמייכלען פון די קאָרנבלומען,
און בײַנאַנד מיט זאַנגען דאָרע
אײַנגעשײַערט מײַנע חלומדיקע ווייען,
און דאָס ביסל קערנער פון מײַנע צערן
האָב איך ניט פאַרשפּעטיקט
צו פאַרזייען.

יעדער גערטנער ווייס דעם סוד דעם ביטערן,
דעם פֿאַרהווילענעם פֿאַר קינד און תּם —
אַז אין אָלעאַנדערס בלימלעך ציטערן
בעכערלעך מיט סם.

אזא ראָזיקייט — אַ צאַרטע תּמימות —
ווי דורך אַ כּלה־שלייער לאָקט מיט חן.
אָ, היט זיך פֿאַר די פּגימות,
רירט ניט אָן, אָ, ניין!

יעדער גערטנער ווייס דעם סוד
און פֿלאַנצט
און וואָרנט,
נאָר קינדער ווילן ניט פֿאַרשטיין.
זיי רײַסן בלימלעך
ווײַל עס לאַכן יאָרן,
און די אָלעאַנדערס בליִען תּמיד שיין.

אַ דאַנק צו דער ערד

צו דער זון

צו דיר אַלע וואָרצלען זיך ציִען
פון טיפע געשליימען מיט בלי.
צו דיר אַלע שוועלבעלעך פליִען
צו ברענגען דער ערד אַ גוט־פרי.

אויך איך — מיט די וואָרצלען און פייגל,
אויך איך בין ניט אַנדערש פון זיי,
כאָטש ראָזשינקע חכמה אין טייגל
האָט שאַרפער פאַרביטערט מיַין וויי.

צו דיר וועל איך בלײַבן אַ טרײַער
ווי וואָרצל אין פינצטערסטן שיכט.
איך האָב געזען אין דײַן פײַער
אַז שאָטן איז מינער פון ליכט.

צו דיר וועל איך בלײַבן אַ טרײַער
ווי פויגל אין כמאַריקן פלי.
איך האָב געזען אין דײַן פײַער
געבורט פון דער וועלט אין דער פרי.

נאָך ביסטו, וועלט, נאָך און נאָך
צו שטוינען און צו הערן.
זיבן טעג — דײַן שיינע וואָך
מיט זיבן מאָרגנשטערן.

כ׳האָב ניט קיין מאָל אויסגעדרייט
צו דיר אַ בייזן נאַקן,
אויך ווען כ׳האָב אין קריעה-קלייד
מיט קברים-גראָז געפלאַקערט —

האָב איך געוווּסט: טוי אין דיר
מיט לויטערסטע גערינען.
נאָך ביסטו, וועלט, אָן אַ שיעור
מיט ווּנדער פון באַגינען.

אַ חידוש מיר, גאַף און שטוין,
נאָך דאָ אויף וואָס צו שטוינען.
סודיק רופט אַ ברודער-בוים
מיר זאָלן ביידע בוימען.

אַ חידוש אַלץ, שטוין און גאַף,
נאָך דאָ אויף וואָס צו גאַפן.
יעדער טאָג גליט אין באַשאַף,
איך גלי אין דעם באַשאַפן.

כ׳האָב נאָכגעטראַכט די רעטעניש
פון בוים,
פון בלי̤ונגען דעם רייץ,
דעם ערנסט פון דער בלעטערניש,
און דעם סוד פון וואָס מען זעט נאָר קוים —
וואָס אונטער קאָרעם פלייצט
און וועבט זיך אין דער טיפעניש פאַרקנאָדערט;
איך האָב געלערנט ווי אַן עפּל יאָדערט,
ווי זאַפטן מערן,
און ווי עס שלאָגט אויף עפּלשאָל אַרוים
דאָס שעמעוודיקע איידל־רויטס
פון צײַטיק ווערן;
און אויף קרײַזלעך וואָרצלהאָר
ווי טרערנדיקע שטראַלן פון נאָכרעגן
האָבן צירונגען געשליפן,
האָב איך געלייענט וועלטס פינקלדיק פאַרמעגן,
ערדס סודותדיקע הי̤עראָגליפן.

אין אַזאַ פֿאַרנאַכט וועל איך ניט שטאַרבן

א

איך, מענטשקינד, וואָס ווייס מײַן קליין פֿאַרמעג,
די שווינדיקייט פֿון יאָרן און דעם קורצן וועג, —
איך פֿאַל ניט אויף דײַן שוועל און כ'בעט ניט אויף אַ נס,
נאָר וואָס מיך בריט — אָט דער מילבנפֿרעס — —
פֿאַר וואָס צופּסטו מײַנע רגעס אויס פֿון תּוך?
רויזן בלײַען, און פֿאַר וואָס פֿאַרדעקסטו זיי מיט מאָך?

וועלט, הימל, — דו פֿאַרנעפּלסט זיי,
איך זע קוים אַ בילד אין ראָם פֿון שויב;
זון און שטערן — דו רוימסט מיר אײַן אין אויער
אַז פֿאַר זיי בין איך נאָר שטויב;
אייביקייט — איך שיק מײַן חלום, איך זוך באַשייד,
און ווידער אָוונט, נאָך אַ טאָג פֿאַרגייט.

ניט רײַס מײַן לעבן שטיק נאָך שטיק,
ניט הויל מיך אויס ווי אַ בוים צום לעצטן פֿאַל.
מעק ניט אָפּ די גלאַנצן אין מײַן בליק,
רײַס ניט אויס די קלאַנגען פֿון מײַן האַלדז.

ווען איך וועל אָוועקלייגן דעם קאָפּ
אויף מײַן לעצטן אָוונטס שוים —
וויל איך אײַנפּרעסן מײַן גאָב,
דעם פֿײַער־תּמצית פֿון אַ רויז,
וואָס האָט געבליט, געגליט,
און איר בלײַיק פֿײַער אָפּגעהיט
ביז סאַמע לעצטער אַשיקער מינוט.

כ׳וויל אָפּהיטן די בליטן און דעם גלות,
און ניט סתּם אַזוי לאַנגזאַם וויאַנען.
איך, מענטשנקינד, וויל ניט קומען בלינד,
ווען דו וועסט אויפשרײַבן מײַן נאָמען
אויף די אָוונטפלאַמען.

כ׳וויל קומען אָנגעגורט פאַרשטאַנד,
מיט אַ בליק אַ ליכטיקן פון ראַנד צו ראַנד,
און דאָס בעט איך, מײַן האַר:
כ׳וויל אויפנעמען מיט אַ צעזונגען האַרץ
דײַן לעצטן גזר.

ב
ניט מער ווי אַ מענטשנקינד בין איך
וואָס גייט פון שטויב צו שטויב
און זעט אין וועג די ווײַטע שטערן,
דאָך זאָג איך מיט העזה פון מײַן צער
אַ וואָרט אַ האַרבן:
אין אַזאַ פאַרנאַכט וועל איך ניט שטאַרבן.

אויב ווי איצט — באָרוועס אויף דער שוועל,
די פּים אין גראָז,
די שויבן פון מײַן דאָרף — צעגלאַנצט אַנטקעגן,
און חברים אויף די אָוונטשטעגן —
די אַקסל אײַנגעבויגן,
מיט שמייכלען אין די אויגן,
אַזעלכע לויטערדיקע מילדע;

אויב רויזן וועלן בליִען אַט אַזוי —
ניט ווי דאָרניק־ווילדע,
פאַררינן שרײַיִק,
נאָר אין טיפן טונקל־רויט, ווי אַ רײַפע פרוי
אין ערנסט פון געבורטיקער באַנײַונג;

און אויב איך אַליין וועל אויך אַזוי
קאָנען דורכשפּאַרן מײַנע ברעמענס גרוי,
און זען דאָס אַלץ, ווי איך זע,
אין דרייסטן ייִנגל־קלעטער,
אין שפּאַרעניש פון גראָזן,
אין פינקלעניש פון בלעטער;

אויב וועסט מיך לאָזן אויף מײַן שוועל
אַט אַזוי פאַרבאָרוועסט און פאַרשוועלט
מיט מענטשן, פלאַנצן, זאַכן,
מיט דער גאַנצער וועלט
אין כּישוף־שטראָם פון פאַרבן — —

פאַרגיב, איך פּרווו צו זאָגן:
אין אַזאַ פאַרנאַכט וועל איך ניט שטאַרבן.

ג

ווײַל דו ביסט מיר טײַער, האַר פון אבות, —
ביסט געזעסן נידעריק אויף שינדלדעכער,
מיטגעדאַוונט מנחה־מעריבס,
נאָכגעזאָגט קדישים
און ווײַן געטרונקען אויף די שימחות —

רוף איך דיך אַצינד:
קום אַהער, זע די מענטשן און די זאַכן.

דאָ וווינען ייִדן, דאָ שײַנען מעשים, ו א ה ב ת — —
דאָ לײַכט דײַן צלם אלהים,
און קיינער רופט ניט אוים: א נ ו כ י — —
ויהי בוקר ויהי ערב, —
דאָ גליִען טאָג און נאַכט די קוזניעס פון בראשית,
און פונקען — צווילינגען צו שטערן.

פאַרגיב אויב כ׳בין מגזם,
פון ל י ב ש א פ ט — אב הרחמים.
באַווײַז זיך ווי אַמאָל, אַן אייגענער אין דער עדה ייִדן,
אין שטויביקן כאַלאַט, אין טרעגערישן גאַרטל,
און זע די אויגן, זע די הערצער,
צי ניט אַזוי האָסטו אַמאָל פון שינדלדעכער
אין מיר אַרײַנגעבלויט דײַן חלום?

קום, זע, און טו ניט מער ווי אַלע טוען,
ווען הערצער צײַטיק תּבואהן —
זאָג אונדז שטיל דײַן ש ל ו ם.

ד
זוכסטו מנחהדיק געזאַנג?
קום און הער.

ווער זינגט דאָרט אויף דעם אַקערראָד
אַזוי נאָענט צום פלאַקערראָד
פון זון פאַרנאַכטיקער?

אַזוי פיל פייגל אין דעם חלל!
אַזאַ מין פלאַטערן און פלאַמען
פון שטאָל און האַרץ צוזאַמען!

צי קענסטו ניט דעם יינגלינג,
דעם דערשפּרונגענעם פון פײַערן,
וואָס האָט זײַן קוש פאַרפּרעסט אין אַש?
צי געדענקסטו ניט דעם יתום אין די וועלדערם חשכותן, —
צי געדענקסטו ניט?
איצט, אויפן אַקערראָד גליט זײַן מאַמעס אַש,
הער זײַן ליד, ווי קלאַגנדיק און לויבנדיק, —
י ת ג ד ל ו י ת ק ד ש, און אַזוי פיל ברכה אויפן לעבן!

ליד פון אַקערראָד,
קלאָג פון פלאַקערראָד,
ביידע היפּן איבער פעלד,
רעדער צוויי — פון זײַן גם און וויי.
אויף יעדער שפּריך און שרויף
ברענט זײַן טרער און לויב.
גיט די טרער אַ גלי —
לויפט דאָס ראָד אַ לויף.

אב הרחמים, צו דעם יתום קום אַצינד,
און רוים אים אײַן: קינד, מײַן קינד.
אַזוי פיל ברויט ועט וואַקסן
און אַזוי פיל רו.

טו עס, אב הרחמים, טו.

ה

אין אַזאַ פֿאַרנאַכט וועל איך ניט שטאַרבן,
און שטעל ניט זיך צו אַ נסיון.
ווי וועסטו אויסצאַפּן די פֿאַרבן
און מיך וואַרפֿן ווי אַ שטיין צו דנאָען?

מענטשן, פֿלאַנצן, זאַכן,
פֿעלדער, שטיבער, שליאַכן —
ווי וועל איך אַלץ פֿאַרלאָזן?
מײַן באָרוועס גליט,
ווי וועסטו אים אָפּרײַסן פֿון גראָזן?
מײַן בליק נאָך בליט,
ווי וועסטו אָפּמעקן די שויבן?
מײַן וועלט — מײַן דאָרף
ווי וועסטו מיט איין וואָרף
אין מיר צעשטויבן?

דו גרויסוועלטיקער געוועלטיקער,
וואָס וועסטו טאָן ווען איינער, אַ שטיל-געצעלטיקער,
וועט אויפֿהאַלטן דײַן גזר
מיט כּוח פֿון זײַן ליכט און צער,
און ס׳וועט זײַן דײַן שטרויכל, כּביכול?!

אָט דערפֿאַר בעט איך און וואָרן,
ניט נאָר פֿאַר מײַנע יאָרן,
נאָר פֿאַר אַלץ וואָס בליט און פֿריט:
אין אַזאַ פֿאַרנאַכט מײַד אויס דעם נסיון
און לאָז מײַן לעבן בנשיקה מיטן ליד.

טעג און שעהן

די טעג און שעהן — נאָכאַנאַנדער,
ווי בלומען אויפֿן אַלעאַנדער,
אין לויף פֿון טײַכשטראָם אָפּגעשפּיגלט, —
זיי פֿאַלן, און פֿאַלן, און פֿאַלן,
געטראָגן, געוואַשן פֿון קוואַלן,
צעווירבלט אין שוימיקן עיגול.

די טעג און שעהן — אויך אָפּגעריסן,
אין בלינדן שטראָם, אָן מײַן וויסן —
זיי שווימען, פֿאַרשווימען, פֿאַרשווינדן
מיט שמייכלען, מיט טרערן, מיט חנען.
אָ, ניין, איך וועל אויף זיי ניט וויינען,
און אויך ניט קיין ליכט אויף זיי צינדן.

מיט פֿיש אין ים, מיט מילב אויף זאַמדן
וועל איך הייבן אויגן צו ראַנדן,
און גלייבן, אַז גאָרניט פֿאַרפֿאַלן.
אַ גיין, אַ פֿאַרגיין, און אַ קומען,
אָט אַזוי ווי אין טיפֿן ברונעם —
דער אויפֿשוים פֿון בלאָע ספּיראַלן.

צו אַ פֿייגעלע

דו פֿייגעלע אין פֿענצטער,
דו ערשטער חבר אין באַגינען —
פֿלאַטער, פֿלאַטער,
זוך מיך צו געפֿינען
ווען איך וועל מײַן שטוב פֿאַרלאָזן...
פֿלאַטער איבער גרודעס,
באַשוועב די גראָזן,
אפֿשר וועל איך דערהערן
ווי דײַנע פֿעדערלעך זיך בלאָזן.

ווי אַמאָל — אויף שויבן,
אין מאָרגנבלאָ דערהויבן —
קום מיך וועקן אין מײַן נײַער היים.

פֿלאַטער, פֿלאַטער,
לאָז מיך גלייבן,
אַז איך וועל אַרויסזינגען פֿון ליים.

עפּיטאַף

כ׳האָב צערן אײַנגעקאַרבט
טיף אין מײַן געביין,
און זיך געכאָוועט האַרט,
געהיטן פאַר געוויין.
מײַן טרער ניט אויסגעטרערט
דורך לאַנגע שווערע יאָר,
די שׂימחה ניט פאַרשטערט
און מיטגעשמייכלט גאָר.

איצט מאָן איך אָפּ מײַן חוב,
דער ווייטיק בעט זײַן זכות:
די טרערן נעמט צונויף
און היט זיי ווי אַ קוש.
מײַן האַרץ דורך גרודעם קלאַפּט.
מײַן ליבשאַפט בעט: דערהערט.
און דאָס מײַן עפּיטאַף:
כ׳האָב ליב, כ׳האָב ליב מײַן ערד.

אַ דאַנק צו דער ערד

א

צו דײַן װאַרעמען לײַב, מײַן ליימיקע ערד,
װעט קומען מיט דאַנק דײַן ליבלינג און זװיגלינג, —
נעם מיך צו, זאָל זײַן װי באַשערט,
זאָל אַרויסזונען גראָז פֿון מײַנע אויגן.

כ׳װעל לאָזן דעם אַקער בײַם סוף פֿון דער בייט,
אַ גלעט טאָן דעם פֿערד אויף דער װאַרעמער גריװע;
מיט אַ שעפּסעלע ריידן מײַנע לעצטע רייד,
און ס׳װעט הערן דאָס פֿעלד, די גאַנצע סביבה —

װי איך בעט מחילה בײַ אַ תּמע לאַם,
אויב כ׳האָב איר אַמאָל אויף דערנער געפּיטערט,
ביז די שעה װעט זײַן גוט, און אויך איך תּם װי לאַם,
מיט אַ קאָפּ װײַסע האָר, װאָליק צעציטערט —

װעל דערהערן דעם מ ע, אַז איך בין ריין און גאַנץ,
און בין ראוי צו דיר, ערד, צו קומען, —
װעלן װאָרצלען אַרומנעמען מײַן האַלדז,
און אַ לבנה װעט אויפגיין אין ברונעם.

ב

פאַרנאַכט וועט זײַן, ליכטיק ווי איצטער,
פון ערד און הימלען וועט טריפן דער ווײַן,
נאָר דו, איינער דו, ווי בוים דורכגעבליצטער —
וועסט שטוינען דערשראָקן, דו זונעניו מײַן.

וועסט מיך זוכן אין ליכט און פלייצן מיט טרערן,
א וואָרף טאָן געשריי ווי צעבראָכענעם ווינט,
זיך בייגן צו מיר מײַן אָטעם צו הערן,
און דאָס וועסטו הערן, מײַן קינד:

— ניט וויין, הייב דײַן בליק, קוק אויף מײַלן אַרום,
אָט איז וואַלד, אָט איז פעלד, פעלדער בײַ וועלדער.
זע די סטאַדע וואָס טרינקט דאָס ליכט פון דער זון,
און הער דאָס גלעקלען פון זייערע העלדזער — —

איך בין געוועזן מיט זיי, און זײַן וועל איך
פאַרפעדעמט אין וואַל און פאַרקערנט אין זאַנג.
ס'וועלן גרודעס געדענקען די שטויביקע שיך
וואָס האָבן אין גאַנג געטופּעט געזאַנג.

פון די שאָף וועט זײַן וואַל, פון די זאַנגען — ברויט,
און ס'האָט ניט אומזיסט אויך געציטערט די פלייט.
ס'וועלן שפּערלען נאָך שפּרינגען פון פּלויט צו פּלויט.
דעם ניגון צעקלינגען און טראָגן די רייד.

ווײַל גאָרניט פֿאַרגעסן און קיינער פֿאַרלאָזט,
עס פֿאַרגייט דער טאָג, און גייט אויף נאָך און נאָך.
איך היל זיך אײַן אין אַ מאַנטל פֿון גראָז,
און די נאַכט צירט מיך אוים מיט שטערן און מאָך.

אַזוי וואַרעם די ערד און טוי אויף איר רינט,
נעם די פֿלייט, מײַן קינד, און אײַל אַהיים.
שפּיל, שפּיל, ס'וועט דעם ניגון שוין טראָגן דער ווינט,
און ביימער מיט מיר, כ'וועל ניט בלײַבן אַליין.

דעם האָב איך געפֿלאַנצט, און דעם האָב איך געהיט,
אויף די קאָרעם מײַן ליפּ, אין וואָרצלען מײַן קול.
כ'וועל בליִען מיט זיי ווי איך האָב געבליט,
און ס'וועט קלינגען מײַן רוף צו דערפֿער אין טאָל:

— יומטוב־ליכט צינדט, צעקלינגט די געשירן,
שנײַדט ברויט פֿון מײַן פֿעלד, שעפּט וואַסער פֿון ברונעם,
און הײַנטיקע נאַכט לאָזט אָפֿן די טירן,
אפֿשר נאָך איינער אַן אורח וועט קומען — —

פֿון טיר צו טיר גיין בענטשן מזומן,
און פֿייגל און שאָף וועלן טראָגן מײַן רוף:
אַ זמר צו זאַנגען, אַ ברכה דעם ברונעם,
און נעם, ערד, מײַן ליד, און נאַדיר מײַן גוף.

ג

אַ לויב די הימלען, אַ דאַנק צו דער זון
וואָס וועט איר פאַרגיין אַ רגע פאַרהאַלטן.
ליכטיק זאָל זײַן אומעטום, אומעטום,
אין לעצטער שעה, ווען די ערד וועט באַהאַלטן.

אַ לויב די ליפּן, אַ דאַנק צו דעם מויל
וואָס וועט מיט טיף־שווײַגן פאַרקריצן מײַן נאָמען,
אין קלעם פון ווייען — זאָגן גוט און ווויל:
ברוך דיין אמת, און זיבן מאָל אָמן.

אַ לויב די פינגער, אַ דאַנק צו דער האַנט
וואָס וועט מיך באַדעקן מיט זאַנגיקע גאַרבן.
אויך מיך בינד ווי זיי אַרום מיט אַ באַנד,
און לאָז מיך אַזוי — גרינען אין שטאַרבן.

אַ לויב די פעלדער, אַ דאַנק צו דער ערד
וואָס עפנט מיט רחמים די וואַרעמע דנאָען.
אַ לויב צו דעם האַרץ וואָס אין טרויער הערט
ווי פייגל אין וועלדער די פידעלעך סטראָיען.

אונדזער דאָרף איז נאָך יונג

געצל ערליכמאַן לזכּרון

אונדזער דאָרף איז נאָך יונג,
יינגלש־כוואַליק נאָך זילבערט דער ברונעם;
נאָך קלינגען שאָפּאַטעס אויף דנאָען: גע פּונען — —
אַ בשׂורה פון קוואַלן אויף גרינס און אויף היים.

אונדזער דאָרף איז נאָך יונג,
און ס׳מערן זיך קברים
נעבן דעם ברונעם,
אין זעלביקן ליים.

זעט אוים, אַז די פרייד קאָן ניט אַליין זייַן,
לאָמיר אויך ניט לאָזן דעם טרויער אַליין.
חברים,
שווייַגט אַרייַן אַ געזאַנג אין מויל פון דעם קבר,
און לאָמיר זיך געבן די הענט פאַרן צעגיין.

פאַרבלייכט האָט די זון, נאָר דאָך ניט פאַרגאַנגען.
מיר פאַרשיטן אַ קבר און אַ קערן דאָרט פאַלט.
זאָל זיך וויגן דער טרויער מיט רחבות פון זאַנגען,
אונדזער דאָרף איז נאָך יונג
און מיר זענען ניט אַלט.

ווונד און חלום

*

תמיד וועט חלום וויגן די הערצער.
אויך ווען שטאָל וועט פאַרדעקן די לאַנען,
אויך ווען רויך וועט פאַרהילן די דערפער —
וועט נאָך קומען אַ שוועלבל דערמאַנען.

און אַ בלאָ פּינטל הימל וועט לאָקן
פון אַריבער טומאַנען די שווערע.
צו זיַין וויגל וועט בענקען דער זקן,
און אַ יִינגל וועט זוכן די שטערן.

און פון אונטער דעם דורס האַרטן זיגל
וועלן זידן באַגערן און שטראָמען,
וויַיל ניטאָ איז קיין סוף צו דעם ניגון
און ניטאָ איז קיין נאָמען.

ניט אַ קנעכט

גיט אַ קנעכט וויל איך זײַן
נאָר אַ ברודער.
מײַן לייד און בענקשאַפֿט צו פֿרייד
וויל איך טיילן מיט אַלע,
נאָר אויך אַ רעכט מײַנע טריט
צו גיין ווי ס'גייט מיט
אַ שטערן אין ים
מיט אַ שוימיקער כוואַליע.

מיטגיין וויל איך,
נאָר מײַן ליכט וועל איך היטן,
היטן מײַן שײַן אין שוים דעם צעבריטן,
ווײַל אפשר מײַן אָפּשײַן וועט וועמען געפינען.
איך וויל ניט אויף קיינעמס באַראַט
און לויט קיינעמס געבאָט
סתם אַזוי אין די ווירבלען צערינען.

איך ווייס אַז מען וועט מיך שטראָפֿן דערפֿאַר,
איך פֿיל שוין די שטראָף, און טאָפּל דער צער
צו בלײַבן אַליין אין מײַן אָוונטיק שטיבל.
וואָס איז מײַן ליכט ווען שינעלן אין פֿענצטער,
און וואָס איז מײַן רו ווען עס קלאַפּן געקאָוועטע שטיוול?

און דאָך — מיט ווײ אין געמיט
זינג איך מײַן ליד,
מײַן לייד און מײַן בענקשאַפֿט צו פֿרייד,

און אַ ברודער צו זײַן בין איך גרייט,
נאָר ניט קיין קנעכט.
ווײַל אויב יאָ —
וועט פאַלן מײַן שטערן אויף אַ פּינצטערן דנאָ
און איך וועל שטאַרבן דערמיט,
ווײַל מײַן האַרץ קאָן ניט גיין,
ווײַל מײַן האַרץ וויל ניט גיין
מיט אַ קייט אויף די טריט.

און איידער

און איידער איר רופט מיך צו גאַסן אַרויס,
אין גרויסן געווימל צו גיין, —
לאָזט מיך איין נאַכט אין מײַן הויז
מיט זיך אַליין.

שווײַגן, הערן,
אַריבער זיך אײַנגעבויגן,
מיט לבנה און שטערן
אין פאַרשלאָסענע אויגן, —
הערן דאָס בלוט ווי עס טריפט
פון קאַמער צו קאַמער,
און דאָס האַרץ — ווי עס האַמערט
צווישן טויט און געזאַנג.

ווער זאָגט מיר אַז פרעמד,
אַז אַליינקייט פאַרראַט?
כ'האָב פון לאַנג שוין דערקענט
אַז וואַלד — יעדער בלאַט,
און וועלט ווי זי איז, סודיק און גרויס —
הילט אַרום מיט הימל און ערד יעדעס הויז.

לאָזט מיך אַליין,
דורך אייגענעם סוד צו פאַרשטיין
אַלץ אַרום.
כ'בין סײַ־ווי ניט אַליין,
מײַן הויז — אומעטום.

ניט ווי זיי

ניט ווי זיי — מיט הערצער פראָסטיקע
אין טעמפּלען מאַרמאָרנע.
איך האָב געהערט דײַן נאָמען וויינען,
און איך, זון פון פרומע אבות, —
איך לאָז אַראָפּ פון שאַנד די ברעמען.
ניין און ניין!
דײַן שם וועל איך ניט פאַרשעמען.

וואָס מיינט דײַן נאָמען, וואָס?
צי נאָר אויף שילד אַ פינקלענדיקער אות?
דאָס ביסטו, האר פון טויט און פון באַשאַף —
אַ נאָמען נאָר, אַ קאַלטער פּאַראַגראַף?

אויב ס'זאָל ניט ציִען
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטן בײַנאַכט
צום ליכטל־ווינק;
אויב ניט מיט גלוט אין יעדן גליד,
ווי אין מידבר צו אַ טרונק;
אויב ניט מיט ווײ,
ווי בײַ דער געווינערין
אין לעצטן טאָג, —
איז ניין! — ניט מיט אַ גרינגן זאָג,
ווי „ס'קאָצל קומט" צו אַבי־וועמען.

איך, זון פון אָבות פרומע —
דײַן שם קאָן איך ניט פאַרשעמען.

ליכטער און ליכטער,
אַ פּוצוואַרג פּאַר קאַלטע סאַלאָנען,
און ציטער פון שבת,
און טרעריקע צינדן;

דאָס פרעפּלען תּם-לעמיש
פון זינגער די פאַלשע
צו בלייכער לבנה,
און שפּעטער — דאָס שענקען ליד-שיר-השירים
דעם סאַטראַפּ אַ מתנה;

די פאָנען פון ליידן, צעפלאַטערט, צעשפּיגלט,
און נאָך דעם — דאָס קאָווען די פריַיהייט
צו קראַטע און ריגל — —

אָ, געצן, און שאַנדן, און טרערן!
מיַין האַרץ,
כ׳וועל דיך איצטער באַשווערן
מיט שׂינאה צו אַלע שאַלמויזן.
ניט אין דיר זאָלן הויזן
די מומיעס, די געצן.

דו, איינִיקל וויַיטס פון אברהם,
מיט יידישער טרער אויף די באַקן —
היט דאָס געבאָט פון פרומע בונטאַרן:
צעזעצן!
צעהאַקן!

גיי אַרוים ווי דײַן זיידע
פון טעמפּל פון תּרח
צום אייגענעם דרך,
מיט אָפענעם האַרץ צום אָפענעם הימל.
אָט זענען די זאַמדן, טרוקענע זאַמדן,
אָט זענען די שטערן, פֿאַרגליווערטע שטערן,
גיי און צעלײַכט זיי,
גיי און באַפּײַכט זיי
מיט ריינע אמונהשע טרערן.

אַ שוואַלב אויף די גראַטעס בין איך,
און דער צווייט אויפן האַלץ;
אַן אביון אין שמאַטעס בין איך,
מיט אַ שליסל צו גאָלד.
און אין שטאָלענעם וואַלד,
ווו אַלץ שטאַרט אַזוי קאַלט —
בין איך נאָך דער גלי
און דער פינקל-געבלי;
דער עפּל וואָס ווינקט,
און דער פויגל וואָס זינגט.
בייַטאָג בין איך שטויב,
פון געווימלען פאַרשטעלט
און נ י ו ו ע ץ דער וועלט,
נאָר בייַנאַכט, ווען מומיעס לייגן זיך אוים —
מייַן דופק — אָ, הערט!
ניגונים שפּילט אוים.
איך בין נאָך דאָס ליכטל,
דאָס נעדעלע דין
וואָס באַוועבט די שקיעה-קריעה פון טאָג
מיט דעם גין פון באַגין.
איך בין נאָך די ליבשאַפט וואָס רינט
פון מאַמע צו קינד,
און גיט אויך דעם זקן אַ האַפּט,
און קניפּט און פאַרבינדט.
איך בין נאָך דער ריח פון מייַ
אין האַרבסטיק געמיט;

דער זכּרון וואָס היט,
און דאָס האָפן וואָס בליט.
אין אַ דור וואָס איז קאַלט,
אין אַ וועלט וואָס ווערט אַלט —
בין איך וואָס איך בין —
זאָגט דאָס ליד.

צו אברהם סוצקעווער

אין גרין פון אַקוואַריום
האָסטו געזוכט די פּערל און די קווייטן
פון אונדזער אָפּגעמעקטער שיינקייט.

ווער איז געווען דערבײַ
דײַן ווײי צו טיילן,
ווען האָסט זי אויסגעגליט
אויף שירהדיקע צײַלן?

ס'האָט דײַן טויבנשלאַק געברענט,
און דו מיט פײַער אויף די הענט
און וואַרקעניש אין האַרץ —
איבער אָקעאַנען.

דײַן ווײי און וואָגלעניש
ווער האָט פאַרשטאַנען?

כּולו פאַרבן, אַ הירש אין קרוין פון פלאַמען,
ביסטו געקומען צו די דזשונגלען,
אין רינגעטאַנץ פון שלאַנגען
צו באַנעמען סוד פון שׂינאה;
אין טרייסלטראָט פון העלפאַנד
צו פאַרשטיין דעם דורס ווולקאַנען;
און אַנטקעגן לייבנמויל ביסטו געשטאַנען
מיט זכּרון פון אַ פּרוכת...

איצט זע איך דיך פֿאַרטרויערט,
דו אַנגעוואַנדערטער פֿון פֿײַער־פֿאַנאַראַמעס,
אין גראָען חול־המועד
פֿון אַ שטאָט אַ פֿאַרגליווערטער אין תּמוז —
אַ פֿרעמדע צו שײנקײט און צו װײטיק.

אַ שלאַנגיקײט אָן רינגעלטאַנץ דעם שײנעם,
אָן אומגעלומפּערטקײט אָן ריזנפּראַכט פֿון העלפֿאַנד,
זי ציט איר גראָען דויער.

וואָס דיר זאָגן ווען ספֿקות נאָגן?
וואָס טוט דער הירש אונטער צוגעהאַקטן טויער?
ער טראָגט אויף זײַנע הערנער די קרוין פֿון פֿרײַהײט,
און ער קײַט די קרישקעס פֿון דעם טרויער.

גלויבן און צווייפל, ליבשאַפט און אייפער, —
כ'האָב קיינעם ניט געפּיעשטשעט ווי אַ בכור.
כ'בין ווונד און חלום, ברונעם און שריפה,
איך בין אַזוי ווי ס'איז מײַן דור.

חבר

פאַר דער היימישער היים
פון די ווערבערס

ווײַט־ווײַט פון דעם גאַסן־געהאַווע,
בײַ די פאָנען פון גראָען געוואַנט —
רוף איך: מענטש, רוף איך: חבר,
און עס פלעכט זיך אַ האַנט מיט אַ האַנט.

טיילסט מיט מיר דײַן ליכט און דײַן ברייטל,
דײַן שטיל־זײַן און די בענטשיקע רייד:
אַ שמעטערלינג טאַנצט אַרום קנייטל
מיט אַ דינער פאַרהוילענער פרייד.

ער שוועבט און פאַרשוועבט אַ פאַרשטעלטער,
און זײַן סאַמעט און גאָלד אין דער לופט.
ווער איז ער? אַן אורח פון וועלטן, —
סאַראַ פאַרב! סאַראַ בלענד! סאַראַ דופט!

ער איז צו דײַן טיש דאָ געקומען,
ווײַל דײַן טרער האָט נאָך גאָלדיק געהעלט.
לאָמיר בענטשן מיט אים במזומן,
אין דײַן קליינטשיק שטיבל — די וועלט.

לאנג דזיערט אין אַ בוים דאָס יוירן פון געבליט,
און לאַנג יוירט אַ פעלד ביז עס קומט די שעה פון שניט,
אויך מיר אַזוי, —
אין אונדז אויך יוירט און גליט.

עלעהיי — דער שטומער ברומט פון זײַן טיף געשווייַג;
עלעהיי — עס זינגט די שוואַלב אין פלאַנטער פון געצווייַג;
עלעהיי — דער שעפּס גייט נאָך דעם פּלייטנקלאַנג, —
ס׳איז מאַניע און געשאַנק,
די מאַגיע פון געזאַנג.

ס׳איז האַלבע נאַכט,
און זע, אַ בוים אין פענצטער בליט,
און בלאָע שוואַלבן פלאַטערן מיט ליד, —
דאָס זענען מיר די געסט בייַנאַכט,
ס׳איז אונדזער גרוס.
מיר ברענגען דיר אַ חלום,
ס׳איז אונדזער זכות.

צו יעקב פרידמאַן

נאָר ווילדגראָז וואַקסט אַליין,
און זאַנגען, ברודערלעב — די בראָנע.
און וואָס באמת שיין —
אָ, ניין, עס קומט ניט במתּנה.
פֿאַרקאַשערט די אַרבל
מיט זיבן שווייסן, ווי געבאָטן,
ביז דער קוואַל פֿון פֿאַרבן
ווערט אין זײַן שבת־רו צעזאָטן.

דו ווייסט עס פּונקט ווי איך,
די זעלבע מאָרגנס אונדז באַקרײַנען,
אויך אויף דײַנע שיך
קלעפּט אונדזער לאַנד מיט רויטע ליימען,
און ס'איז אונדז גוט בײַנאַנד
מיט פֿעלדער גלוסטיק העלן.
און אונדזערס איז דאָס לאַנד, —
אירע צעזונגענע געזעלן.

מידע טריט, דער אָװנט פּאַקלט,
און זוכסט װי שמשון דײַנע האָר.
מידע טריט, נאָר ניט ספֿק־הכּפֿול,
דו װײסט אַז יאָרן אין דײַן יאָר;
איבער שערן און באַשערן
גײזערט װילן מיט שטאָל געשטאָלט,
און שדי שײַנט נאָך אויפֿן שטערן
מיט רום פֿון אבֿות — אַש און גאָלד.

דאָ, אָט דאָ, אויף בײמערקרױנען,
מיט נײַ־צעבליטן אַראָמאַט —
װערטער ייִדיש, מאַמע־חנען,
מיט אות צעשײַנט אויף יעדן בלאַט.
כּתבֿ פֿון אַש און גאָלד און צונטער,
און אונדזער אומעט זינגט און טוט.
שפּאַרט די בליִונג בונטער, בונטער,
און זע, װי שמשון — זײַלן מוט!

א גאַנצן טאָג — שלאָג, שלאָג
פּאָדקעוועס אויף טלאָען.
א הירזשעניש און פליגן ראָיען.
ווי א צוואַנג האָט מיך די מידקייט אַרײַנגעצויגן,
און שלאָף און שאַ, אַלץ איז שטיל געוואָרן,
דער שווערער האַמער איז אַראָפּ פון שאַרבן.
בײַ דער קוזניע האָט אויפגעשפּילט א האָרן,
און דער בלאָזזאַק האָט צעפּאָכעט זיבן פאַרבן.
די לבנה האָט אָנגעהויבן כּישוף ווײַזן,
זילבערדיק צעפינקלט די שטיקער אײַזן,
אויף מײַנע צוויי קלעצערדיקע פיס
אָנגעטאָן צוויי דימענטענע שפּאָרן,
און דאָס שווערסטע פערד — מײַנע שווערע יאָרן
וואָס איך האָב מיט מאַטערניש באַשלאָגן —
אָנגעהויבן יאָגן
העט גאַלאָפּ
מיט א שטראַלנדיקן קאָפּ
דורך דער לבנהדיקער נאַכט.

און די טויערן פון ליד האָב איך אויפגעמאַכט,
מיט דער פּאָדקעווע פון הימל — זינגענדיק דערוואַכט.

אַ ברייט צעזעגלטע, אַ הויך באַפלאַגיקטע,
שווימט מײַן שיפערשאַפט צו די ערגעצן אוועק.
די מאַטראָסלעך מײַנע — ליליפּוטלעך מאַגישע,
אומעטום אין אַלע ערגעצן איז זייער ברעג.

נאָר זיי ווייסן וואָס מיינט בלאָנדזשען, גיין און ווידערן
אין די כּישופן פון ווירבלדיקן שטראָם, —
ווי וואַרפן זיך מיט וואַסערבערג, און נידערן,
און חלומען אַ גאָלדענעם פּאַראָם.

נאָר זיי ווייסן וואָס מיינט ווייטיקן און גרויליקן,
ווען אַלע פּאָרטן זענען צו און דאָס האַרץ איז מיד,
ווען רודערס וואַקלען, און נאָר הענט פאַרקוויליקטע
פּאַטשן אויף די וואַסערן, ווײַל אַ שטערן ציט...

נאָר זיי ווייסן סוד פון ימען, און ווי זיך רעטן
פון וואַסערפלאַכן מאָנאָטאָנע מיט איין שפּרונג;
ווי אַ טרײַב טאָן די שאַרפע נאָדלען פון מאַגנעטן,
און אַנטפּלעקן פּערלטיפן מיט אַ לעק פון צונג,
און פלאַטערן, און וווּנדיקן,
זײַן ערגעץ־ניט און אומעטום,
ווײַל ס׳איז די ערד אַ רונדיקע,
און וווּ דו קומסט — איז זון.

און תמיד — גאַרטלען אויף די לענדן,
תמיד — שטורעמשוים אויף בערד.
ניט קיין אָנהייב, ניט קיין ענדן,
ים און הימל, ים און ערד.

און זון אויף גרונטן — פּאַראָם אַ גאָלדענער,
און שטערן — שופן, עם טאַנצן פיש.
די גרונטן לאָקן —
וואַרפט מען האָקנס
אין צעווירבלטן געמיש.

און מיט שפּרונגען, מיט זיגזאַגישע,
ציט מען גאָלדפיש צו דעם דעק.
מאַטראָסלעך מײַנע, ליליפּוטלעך מאַגישע,
כ'האָב אײַך ליב אַזוי פון מײַנע יִינגסטע טעג.

ייִנגל

נאָך שוימט דער בלאָער ווייַן
אין כוואַליעשפּיל אַהער־אַהין
און מייַנע אויגן ווי די לאָנקעס גרין
ציטערן פאַרגאַפּטע.

ווען הייבט זיך אָן באַגין?
ווען שליסן זיך פאַרנאַכטן?

ווער קאָן דען מעסטן
דעם בלאָ צווישן נעסטן?

נאָך גיי איך צווישן טייַכן
פרילינגדיק צעלאָזטע
און איך שפּאַלט אין גאַנג
מיט דרייסט געזאַנג
די לעצטע קריִעס
פון די פראָסטן.

ווער פרוווט פאַרטונקלען מייַנע אויגן,
מיט גראָע ברעמען אַלץ פאַרדעקן?
מייַנע פינגער אויפן רעגן־בויגן,
איך פאַרשלייפל זייַנעביידע עקן.

איך טראָג אים הויך און גרינג
מיט נעכטנס און מיט מאָרגנס
אַ דערוואַכטער.

דאָס זונראָד גליט
און שטערן גייען,
אַ וואַכטע נאָך אַ וואַכטע.

קערנער אויף ברוקן

*

פון מײַן לײמיק שװײַגן אַרױס — גרינסטו, װאָרט,
און אַן דיר — זע, װי פֿאַראָרעמט איך בין.
ביסט מײַן יאָך און מײַן תּוך, מײַן סוד אױפֿגעקלאָרט,
ס׳בלינדסטע אין מיר װאָס טרינקט פֿון באַגין.

טאָג און נאַכט אײַנגעהערט צו דעם נס פֿון געזאַנג,
װי די גרודעס צום טױ און זײַן צאַרטן געריז.
װיפֿל פֿרײד װען אײן אות װי אַ קרײנדל — אַ זאַנג
פֿון מײַנע לײמען אַרױס ציטערט דין!

כ׳האָב מיט דיר מײַן װעג דורך די שטױביקע טעג
דאָ אױפֿגעהעלט אין אַן אָרעם געצעלט.
דו ליכטל פֿון לאַנג, מײַן זײדנס פֿאַרמעג,
דו שטערן פֿון יעקב אין פֿעלד.

איך בין געקומען דאָ

איך בין געקומען דאָ
צו ברעג, נאָר ניט צו רו.
באַלד האָט די מאָרגן־שעה
גערופן: גיי און טו.

— ניט וואַרט, אײַל צו,
דו יורש פון חצות;
ווילסט תיקון — גיי און טו,
קריץ אויס טאָגס העלן אות.

און איידער ווי און וואָס —
כ'האָב שוין אין עול געטוקט.
ס'האָט שווייס געטאָן אַ גאָס
פון פּנים אויפן ברוק,

טיף זיך אײַנגעזאַפּט
מיט חלום און מיט וויי.
און ס'האָט מײַן האַרץ געקלאַפּט
מיט האַמערס אויף שאָסיי.

ניט טוי און ניט רעגן, ניט בוים און ניט גראָז,
אויף טרוקענעם גומען ברעכן זיך קרוגן,
און אויף איידעלע ליפּן די ראָזע
וועט די תּפילה פון דאָרשט הײַנט ניט געזונגען.

אַ שלייער אַ בלאָער אַרום דײַנע צעפּ,
נאָר ווי וועט ער בײַשטיין אין קופּערנעם פלאַטער?
דעם ווינטס הייסע האַנט קעמט איצט אַלעמענס קעפּ,
און ווײַט איז אַ בוים, און ווײַט איז אַ כאַטע.

שטעל זיך אַוועק בײַ אַ דאַרער קאַראַמע,
און זײַ זיך אַליין אַ דאַך און אַ שאָטן.
אַ שוועלבל וועט קומען מיט דיר צוזאַמען
ווײנען זײַן דאָרשט און די פליגל פאַרבראָטן.

מאָרגן וועט דורכגיין אַן איינזאַמער פּילגער,
קושן די סליאַדן וואָס דו האָסט געלאָזן.
דאָס שוועלבל וועט פאַלן אויף זײַנע פינגער,
און ער — ער וועט ווײַטער זוכן די גראָזן.

ווי מאָזל צעפּינטלט,
און מיט שוועבל צעווינטלט —
פלאַמען די פליאַמעס
אויף דײַן נאַקעט געבערג
אין גלי־גאָס פון תמוז.

די אייביקייט שלאָפט דאָ.
אַ פּאַסטוך אַ זקן, בלויז ציינער און ביינער,
ליגט דאָ פאַרפלאָכטן אין קנאָדער פון דערנער.
זײַן פײַפל איז שטום,
און עס קראַצט אים דער ווינט
מיט קופערנע הערנער.

ווער וועט אויפשטיין דעם ווייטיק צעשרײַען? —
אין זעקס טעג פון באַשאַפן —
ווי האָט פאַרגעסן דײַן האַנט
דאָס דאָזיקע לאַנד?!

די אייביקייט שלאָפט,
און אַרום גלאָצן בערג.
לאָמיר זאָגן צו גאָט,
ס'איז ניט פאַרטיק זײַן ווערק,
און מאָנען מיט עזות.

ניט קיין טרייסט אין מיראַזשן,
ביז יעדער שפּאַן — אַן אָאַזיס.

נייער טאָג

הײַנט טרעפסטו אונדז וואָך בײַ פּלויטן,
און אַלץ אין אונדז צעזונגען לעבט.
אַזוי נישטיק אַלע טויטן,
זון — אַ פֿאַנצער אויף די קעפּ.

נײַע ווערטער, נײַע ליכטער,
דער מאָרגן שטרעקט צו אונדז זײַן האַנט,
ער מישט די בלעטער פֿון געשיכטע
אויף די פֿאַרמעטבערג פֿון אַלטן לאַנד.

און די שטיינער די פֿאַרגרויטע —
אין פּורפּור בלענדן, טרעפּ אויף טרעפּ.
אַזוי נישטיק אַלע טויטן,
דויד זינגט, דאָס פֿאָלק — לעבט.

אין אַלטער שול, דער חרובער, געפײַערט האָט פאַרנאַכט,
ר' חיימס קרועה־בלויה מיט פורפורן באַשפּונען.
ס'איז געווען תש"ח,
אויף געסלעך האָט געהילכט אַ פאַנצערדיקע וואָך,
געשלאָגן זיך מיט טויט און טומאה.
אויפגעשווידערט אין שראַפּנעל־געקראָך
האָט אַ מתבודד גמטריות געוווּיגן,
געוויקלט די מספרים פון תש"ח
מיט פײַער אין די אויגן.

— — תש"ח — תיו, סוף פון ספירה; קץ און פטירה.
תש"ח — שחר, ביסט גאָר מזכּה מיט אַן אלף.
אַ קלאַפּ געטאָן אין שטענדער,
אויפגעברויזט אין שירה,
און פּלוצעם אין שרעקעניש פאַרענדערט:
— אוי, שחר — שחור!
ווי אַן עוף אַנטקעגן חלף.

אין חורבה אַליין,
אַנטקעגן קרישלענדיקן שטיין,
אויפגעהויבן די הענט די צוויי מיט אַ געשריי:
— אָ, הלמאי אַזאַ חשכות?
דער נר דאַרף ברענען תמיד
און ווי לעשסטו אים אַ רגע?
צי ברענט ער דען ניט פאַר דײַנעטוועגן?
וויי! אַפילו ניט קיין מנין.
וויי! אַפילו ניט קיין צוויי.

לאָזסט מיך איבער קרועה־בלויה,
ווי אין אַ שײַער אַ פֿאַרסמאַליעטן אַ דרויבל תּבֿואה.

ס'האָט קיינער ניט געענטפֿערט,
געסלעך האָבן נאָר געהילכיקט פֿון שראַפּנעלן.
פֿון אויסגעהוילטע פֿענצטער, פֿון אויסגעקרימטע שוועלן
האָט מען געבעטן: לחם, מים.
און די שקיעה מיט אויסגעשטרעקטע ציינער
ווי אַ חיה.

פֿון די פֿלאַמען דורכגעריסן,
צעשווידערט און צעהווידעט —
איז אויפֿגעשפּרונגען דער מתבודד,
און אויף תּהומות פֿון זײַן צער,
פֿון שׂטן צוגעבונדן —
זיך אַ פֿרעג געטאָן,
דאָס האַרץ אַ וועג געטאָן:
— איז טאַקע חדוה שוין ביז גאָר פֿאַרשוווּנדן?
אָנגעטאַפּט האָט ער זײַן מאָגער לײַב
ווי אַ מצורע דאָס דינע הײַטל אויף די וווּנדן,
— אוי וויי און ווינד און ווויל! —
לחם וויל דאָס מויל,
און דאָס האַרץ — אַ גאולה און אַ וווּנדער.
סאַרא גרויל! —
די אבֿרים צעפֿאַלן זיך באַזונדער.
— אויף אַ דאָרן טרעט די זויל,
ווי זשע וועט די שכינה נעסטן אויף של־ראש?
און פֿון דער נידער, דערשלאָגן ווי אין זומפּ אַ פֿראָש —
האָט ער אַ כאַפּ געטאָן תּהילים זאָגן, זוכן אַ נחמה,

און בּיסלעכווײַז פֿון קלאָגן — אין אַ שטילער, שטילער דממה,
זוי פּאַר אַ געטרײַען פּאָטער אַ טענה און אַ שבח:
— אבינו! אַזוי ווילסטו מסתּמא
יסורים זאָלן זײַן אַ סך, אַ סך.
און ווידער אײַנגעזונקען אין מחשבות:
— שחר — שחור, וואָס זאָגסטו, תּש"ח?

פֿון הילכנדיקע געסלעך האָט געאײַלט די נאַכט,
אַרײַנגעוואָיעט אין אַ פּוסטן ברונעם.
פֿון הר הבית זענען שאָטנס אָנגעקומען,
זיך געבערגלט און געהורבעט
אויף די שפּאַלטן פֿון דער חורבה,
געשלײַדערט דעם מתבודד מ א ג ר א ר מ א,
אַ צי געטאָן זײַן גוף — איז מיטגעגאַנגען די נשמה.

שקיעה האָט געאַשט,
די אַלטע שול — אַ וויסטער הקדש.
אַ לעצטער בעטלער האָט צו לעצט
דערזען זײַן מזל — גיפּט פֿון עקדיש.
געברענט האָבן מזלות,
אַ הענגל טרויבן איז זיך צעפֿאַלן.
אַרום דער יאָדער, צעפּליקט די שאָלעכץ,
געוואָיעט האָבן די שאַקאַלן.

שקיעה האָט געאַשט אין דער אויסגעפּליקטער נעסט,
אָן מנחה־מעריב אָנגעטראָגן לַ׳יִ׳ל.
אַ שוואַרצן וואַלד און אַ פֿאַרדרייטן אַ׳יִ׳ל — —
מיט אַש אין ווינט, מיט וואָלקנס פֿול אין זשאַר, —
האָט ירושלים אַ זאָט געטאָן איר צער

אויפן צעבראָקטן הויז,
און מיט געוויין די בראָכווארגן באַגאַסן.
אַ נשמה, כולו־זכאי, איז אַרויס
ווי לקראת כלה אַ שטראַלנדיקער חתן.
ברוך דיין!
פון בעכער איז אַרויס דער יין.
אַ ריס געטאָן האָט זיך יללה —
אל מלא!
און נאָך אַ תפילה, אַזאַ תפילה
פון אַלע שערים פון ירושלים:
— אָ, העלף די זין, אונדזער חייל, אבא שבשמים!

אַ נײַע תפילה אַרײַנגעוויטיקט אין דעם סידור
צווישן טויערן און געסלעך האָט געווידערט
ביז צום הר־הבית,
און ווײַטער נאָך, אויף לענדן פון די בערג,
ווו וונדער האָט שוין געלויכטן פון די פײַערס.
— — — — — — — —
ס'איז געווען תש"ח,
חצות, ווען שאָטנס זענען וואַך,
אויף ירושלימס בערג
אין פאַרדרייונג פון שאָסייען.
אויף בראָכשטול האָט געקראַמפּט די נאַכט
און באַהאַלטן די געשרייען,
די וווּנד אין וווּנדער פון געבורט.
כיתות ייִנגלעך — שטורעמרייען,
מיט מוט פון זיגן שוין באַגורט —
אויף די בערג האָבן געקלעטערט
פון די פעלדזן דורכגעשניטן
אין אַ באַרוועסדיקער פרייד.

(אויך ר׳ חיימס זון אין מיטן
פון זײַן טאַטנס טרער באַגלייט...)
די אַשמורה האָט זיך געביטן,
הענער האָבן אויפגעקרייט, —
האָט דער קאַסטעל אויפגעאָטעמט
גרויסע, רויטע, זיסע צוויטן
אָנצוזאָגן ירושלים — פרייד.

זענען פּיתּות אַזוי געגאַנגען
קאַסטעלס שפּיצן צו דערלאַנגען,
איבער פעלדזן די צעפּלאַצטע
צו די הייכן זיך געהוידעט,
ביז אַ פולער טאָג אויף קאַסטעל
האָט דעם ווונדער אויסגעסודעט.

און ס׳איז געווען תּש״ח — אַ שחר,
ברויט ווי לחם הפּנים האָט דערגרייכט ירושלים,
און די זון — אַ נר תּמיד צוקאָפּנס פון ר׳ חיים.

דרײַ לידער פֿון סינדיהאָו *

א. צו מיין באַגלייטערין

אזאַ שטאַמיק-טעמיקע,
אזאַ צוויטיק ליכטיקע —
די שומרון-זון, די סעדערשע
נאָך מיר זיך ציט.

וווּהין?
צו חורבות סינדיהאָושע
ווו איך וועל הײַנט נאַכטיקן, אַ באַפוילענער:
דאָ היט!

נאַכט וואָרט שוין אין די בערג,
שאָטנס פיבערן בײַם וועג.
לאָז מיך ניט אַליין,
גיי ניט, זון, פֿון מיר אַוועק.

ווער ווייס ווי ווײַט די נאַכט וועט מיך דערווײַטערן,
לאָז מיך ניט מיט שפּיז אין פינצטערקייט,
בלײַב מיט מיר, באַגלייטערין.

די שינאה ברענט, איך טו מײַן פליכט,
נאָר זײַ מיט מיר און היט דאָס ליכט,
אויב ס׳איז נאָך פאַראַנען.
צעשײַן דײַן גוטס, און בלײַב,
גיי ניט אַוועק פֿון דאַנען.

* „סינדיהאָו“ — היים פֿון ווינטן, נאָמען פֿון אַן אַראַביש דאָרף.

ב. ווי אַ לאָגל

ווי אַ לאָגל אָנגעפּלוישט מיט ווינט
וויגט זיך אַ געשוואָלענע לבנה
אויף מאָכיק דעכל פון דײַן חרובן מעטשעט.

סינדיהאַו! טויט דײַן מועדזין,
נאָר איך הייב אויף פון דײַנע טרערן אַ געבעט.

אַ קריגער בין איך דאָ, אַ וועכטער,
אַ זיגער אַ גערעכטער,
נאָר בלייך ווערט יעדער זיג אַנטקעגן טרערן,
און כ׳וויל אָפּמעקן פון דײַנע חורבות
דאָס צעשטערן.

איך ווייס, גערעכט איז יעדער שאָס,
און דאָך ברענט אין האַרץ די קויל פון חטא.
תּמיד פרעגט אַ יתומל: פאַר וואָס?
אויך דאָ, בײַ דײַן מעטשעט.

אָנגעפּלוישט מיט ווינט
באַוואָלקנט זיך אַצינד
דער לבנהדיקער לאָגל,
און זע, אויף מײַן געווער
בריט אַ טרער
פאַר דיר, סינדיהאַו,
פאַר דײַן וויי און וואָגל.

ג. אונדזער שוועסטער

סינדיהאָו, היים פון ווינטן,
אָנוואָרף פון צעשטערטע נעסטער, —
מיר היטן אַ זכרון אַ פאַרדינטן
פון דײַנס אַ טאָכטער, אונדזער שוועסטער.

פאַטמאַ, קליין ווי אַ ווײַנשטאָק,
פאַטמאַ, שיין ווי אַ ווײַנשטאָק —
ווער האָט אירע ווײַנען אויסגעזויגען?
צו אונדז טוען וויינען
אירע טראַכאָמעדיקע אויגן.

דו פאַסטוך-טאָכטער דו —
פאַר אַ קווערטל קאָזע-מילך אין אַ מעת-לעת
האָט מען באַרויבט דײַן רו
און דײַן נשמה.
פון דײַן קבר מיאוען קעץ
און בעטן איצט נקמה.

דער היישעריק, די חיה —
אַראָפּ זײַן גאָלדענע אַבאַיע!
זאָל גליִען די נקמה פאַר דער פאַרשוועכטער!
זאָל גליִען די ליבשאַפט צו דער געשעכטער!
פון קבר איר געבעט — —
הערט אים אין די שיסערײַען,
און אויף די בערג פון סינדיהאָו — טרעט
מיט איר נאָמען — אויסגעשטערנט אויף כלי-זין!

קערנער אויף ברוקן

א. אומעטום

אומעטום, וווּ איך קום, וועל איך טראָגן,
די פעלדערם פאַרנאַכטן און די פעלדערם פאַרטאָגן,
ליים אויף מײַן קני,
אויף אַקסלען — דײַן הימל,
און אויך דאָ — אין טומל־געווימל —
בענטש איך אין יעדן לויט ברויט
דײַן זאַנג און דײַן קימל,
און איך אָטעם מיט ווינט
דײַנע גראָזן און בלעטער,
און אַזוי אַלייניק און פרעמד
זע איך אוים אין מײַן לײַנענעם העמד
אַט אָ דאָ, פאַר די טעמפלען
פון שטיינערנע געטער.

סאַראַ זינד אין פרילינג — די פיקוסן געשווירן.
ווער האָט עס אויסגעטראַכט די גרינע מאַנעקענען?
ביימער טײַערע, אײַער חן האָט איר פאַרלוירן,
און אַזוי שווער אײַער ביימערשאַפט צו דערקענען.

כ׳וועל גיין און פרעגן יעדן פיקוסבוים באַזונדער:
איז דיר גוט אַזוי אין פאַרגליווערטע פאַסאָנען —
צווײַגעלעך קורצע, אַזאַ קאַפּעלע אַ רונדיקס,
גולמדיק פאַרגלאָצט אונטער משׂא פון באַלקאָנען?

צי דען האָט איר ניט ליב די פרײַהייט — פרילינגס פנים,
דאָס שפּאַרן און יוירן פון אויפגעקרוינטע ברייטן, —
אַז צווײַגן זאָלן שפּילן ווי ווינט מיט פאָנען
אויף העלער קאַרוסעל פון בלויען און פון בייטן?

סאַראַ זינד אין פרילינג — די אויסגעווירעטע ביימער!
סאַראַ ענגשאַפט זיי אין שטייניקן געקלאַמער!
איך הער אײַך, וואָרצלען, וויינען אונטער שטיינער,
באַלד הייב איך אויף מײַן האַמער.

כ'האָב ליב די פונקען
וואָס ציִען ביז הימלען
דעם האַמער,
און שליאַכן — די אײַליקע מײַלן
וואָס נעמען אין וועטלויף
די שטעט און די דערפער
צום מיקדש פון פײַער און זמר,
צו קוזניע ווו אײַזן זיך גײַסטערט,
און ס'זינגען די יונגע געזעלן
צום פרילינג, דעם גאָלדענעם מײַסטער.

אַזוי — פון לאַנגאָנען,
ווען כ'האָב נאָר צוויי געקענט ציילן,
ביז איצט — אין דור פון פאַרגיפּסטער לבנה,
און בלומען די קאַלטע פון ניילאָן.
נאָך זייג איך דעם אָטעם פון וועגן,
און ס'קאָן ניט קיין פּלויט מיר פאַרשטעלן —
דעם טאַנץ פון די פונקען,
דאָס ליד פון די יונגע געזעלן.

גאַסן און געווימלען, ס׳בליִען די נעאָנען,
און די פרייד שוויַיגט איַינגעהילט, אַזוי פאַרדעכטיק.
לאָז איר און געטרוי, דו קענסט איר פון לאַנגאָנען,
זי איז תּמיד מאָרגנדיק און תּמיד נעכטיק.

זי האָט דאָ אַמאָל מיט איר באָרוועס אָפּגעשטעמפּלט
די וויַיסע זאַמדן, דעם נאַקעטן אומענדלעך.
לאָז איר ווי זי איז, פאַר דעם קאַלטן טעמפּל,
ווו נעאָנען בליִען צו די שטערן פרעמדלעך —

איַינגעהילט אַזוי, אַ שאָטנדיק פאַרשטעלטע —
איַינגעגראָבן אירע אויגן אין די אומענדן;
זען נאָך אַמאָל די צעפּלאַטערטע געצעלטן,
און אויף קעלניעס — די לבנהשע צעמענטן.

דעם העלן א ל ף פון דער שטאָט צו דערמאָנען,
דעם הויכן בלאָ פון אַריבער אַלע טאָרגן.
און מיט דער קראַפט פון חלום — אויך קומען מאָנען
דעם ב י ת און ג י מ ל, די שיינע שטאָט פון מאָרגן.

ה. דיינע מוליאַרעס

דײַנע מוליאַרעס, די יונגע פרילינגס-פּרינצן,
ערשט אַראָפּגעטאָנצטע פון די הויכע שטאָקן —
שטייען שוין דערשראָקן: קוים וועסטו צעמינצן
דעם שיינעם חלום, און ווערן פרי אַ זקן;

זײַן ווי אַלע שטעט — אַ קרישלדיקע אַלטע,
מיט קורצן יִחוּס פון גיך-פאַרבליטן ניסן;
מיט גאַסן — העלע אויסגעפּוצטע יומטוב-מאַנטלען,
און אונטער דעם — אַלץ קויטיק און צעריסן.

צי וועט גאָלד אַזוי פאַרזשאַווערן די קרעמער?
צי וועלן וווּכערס פירן גאָט אַליין בײַם נאָז?
און אויך בײַ די איידלסטע, ווו גייסט און זמר —
וועט שאַכערן דער שקר פאַלשע וואָג און מאָס?

און דאָ ווו בשורה האָט יובלדיק געהאָרנט,
ווו האַנט אין מי צעגליט, און האַרץ אין גלי צעלידט —
זאָל ווי אומעטום, אין מידבר פון קאָרידאָרן,
שטרענג מולכן אַ ספינקס, רוטיניש קאַלט געניט?

דײַנע מוליאַרעס, די ריטערס פון דײַן חלום —
דיך, יִינגסטע שטאָט, זיי היטן — זאָלסט ניט ווערן אַלט.
זיי קניפּן דײַנע שווועלן צו שרונס טאָלן,
און דײַנע דעכער — העכער, צו גלילער וואַלד.

ו. אַ גוטע נאַכט

נאַכט אויף די פּרינצן פון לידער,
יעדער צעגייט זיך באַזונדער.
פון רויך און רייד אַזאַ מידער
גיי איך ווידער שעפּן וווּנדער.

ניט מורמלען, ניט פלוכן, נאָר בענטשן,
מיך ציט פון די רויכיקע טישן —
ווידער צו גאַסן און מענטשן,
חברים — מוליער און פישער.

הערצער — געטורעמטע שטיגן,
נשמות — זעגלען צעפּאָכעט.
דאָרט שיַינט נאָך לויטער דער ניגון
אין מעסטל פון זאָרגן און יאָכן.

ווי אָרעם די פּרינצן פון לידער,
יעדן זיַין טרעריקן טראָפּן.
צינדט אָן, טרויעריקע ברידער,
דעם מאָרגנשטערן צוקאָפּנס.

ז. ברודער

ביסט נאָך אַלץ וועג און געוויין,
און דיר איז שווער צו פאַרשטיין
דעם ווּנדער פון טאָג,
דעם האַמער אויף שטיין.
דו ביסט שטויב אין ווינט,
אַ שפּענדל אין שטראָם,
און זאָגסט אויף דער שטאָט
אַז אַ בוינע איז זי
מיט גורל פון סדום.

ברודער! בענטש אויך דעם דומם,
ווײַל האַרץ שוימט אין דומם,
אַ חלום אין אָט די געבײַען.
דאָ שווײַגן פאַרקנאָטן לאַנגיאָריקע טרוימען,
געבורטן, לוויות,
פריידן און ווייען.
צי וועט דען נאָר בראָכוואַרג פאַרבלײַבן,
אַ קנאָדער פון אַש און שטויבן?
צי וועט דען די זון בלײַבן אַליין
אָן די טויזנטער שויבן?

צי וויל דען ניט די ערד, אונדזער מאַמע,
מיט אײַזן און גאָלד אין די שיכטן —
כאָוועץ די אוצרות פאַר מענטשן
צו בויען און וואַקסן און ליכטן?

ברודער,
ביסט נאָך אַלץ וועג און געוויין,
שרעק און פֿאַרגיין,
און מיד איז דײַן ווײסן.

נעם דײַן שאָטן אַוועק פֿון די ווענט,
בענטש דומם און מענטש,
און רײַס אַראָפּ פֿון דײַן העמד
די שקיעהשע ריסן.

פרי־זומער,
איך קום צו דעם מאַרק,
און מײַן האַרץ ווי די פורן באַלאָדן,
מיט אַרבוזן פון טאָל,
מיט עפּל פון באַרג,
און איך קלאַפּ אָן אין דײַן פאַרהאַמערטן לאָדן.

דו, טרויעריקע דו,
אין דײַן טונקעלער רו, —
ווי זיצסטו אַליין אין ווינקל פאַרפאַנצערט,
בײַם פאַרוויאַנעטן רויזקראַנץ
פון שימל־פּאַפּירן?
איז דען ניט בעסער דער ווינט, דער צעטאַנצער
פון טאָלן און בערג, פון ליכט און קאָלירן?
ביז ווען אין דעם טונקעלן חדר,
אין די אָבלשע קליידער
שנירלען שוואַרץ־פּערל פון יאָרן
מיט אַש אין זכּרון?

איך רוף דיך, איך וואָרן:
קיין זאַנג ניט פאַרטריקנט
ווי לאַנג זי וויל זון,
און אַ קוואַל — אויב ער בענקט
צום שטריק און צום עמער.
אויך דו — גלייב און ווערסט שענער.

נאָך זענען דאָ ברידער — גערטנער געטרײַע,
נאָך זענען דאָ שמידער — ל י ד זייער פײַער,
און זיי אַלע וואַרטן זאָלסט קומען.

די אַרבוזן פֿאַר דיר,
און די עפּל פֿאַר דיר,
פֿון טאָל און פֿון באַרג,
און פֿון הימלען די זיבן אין ברונעם.

האַרבסט,
רויט בליט די בוגענווילע, פלאַמיק רויט,
און די קראַנקע אײַלן זאָגן אַז דער האַרבסט איז קראַנק.
אַ פויגל אַ פאַרווונדיקטער צעשרײַט זיך אויפן פלויט:
איך האָב פאַרלוירן מײַנע פליגל און געזאַנג;
אַ זקן כליפּעט בײַ דער צאַנקענדיקער קנויט,
און אַלץ וואָס גייט פאַרגיין — יאָמערט פון פאַרגאַנג.

האַרבסט,
רויט בליט די בוגענווילע, פלאַמיק רויט,
און די כמאַרעס ציטערן פון דעם באַנײַטן בלי.
שוין ווינקט מיט רײַפן חן דאָס בינטל אַרבעס אויף דער שויט,
אויסגעצירט מיט ברוין און גאָלד פון סוף-זומערדיקן גלי,
און שטילערהייט גייט און זייט
דער גרויסער איידלמאַן פון ברויט,
און יעדער קערן — אַ שטערן אין דער פרי.

די פעלדער פון עמק רירן דיך אָן —
אָטעמסטו, שטאָט, מיט בלומען און קוסטן,
און אויף דײַנע שוועלן שימערט דער מאָן
מיט דאָרפישע חנען און גוסטן,
ווי ס׳וואָלט ווער באַזייט דײַנע ברוקן
און מיט קערנער באַפּערלט אַספאַלטן —
אַז אויך דײַנע מויערן זיך טוקן
אין לאָנקישע גרינען צעקוואַלטע;
עס בליט און וואַקסט דײַן שטייניקער היכל
און דו שיקסט מיטן ווינט דײַנע גרוסן,
שיקסט דײַן דאַנק פון די שטייניקע הייכן
צו די טאָלן פון ברויט און אַרבוזן.
ביז חרודישער גרודישער רחבות
בלויט דײַן ים־זוים און זעגלט און רודערט,
און אויף וואַרעמע פעלדישע פּאַכוועס
לייגט דער כּרמל זײַן קאָפּ ווי אַ ברודער.

אין צוויטיקן רעגן

אויף ליבשאַפּט פּרעג, נאָר ניט אויף אירע מאָסן,
ניט מאָן ביַי איר געזועצן און געניויקייט.
אַ כוואַליע קומט מיט שוימענדיקע גאָסן
און וואַשט דיך אָפּ מיט שטערן און מיט בלויקייט.

אויף ליבשאַפּט פּרעג, נאָר רוף ניט אויס איר נאָמען
אין פּאָרט, אין דער געהאַוועניש ביַי שיפן.
מיט שוים און פּיַיער הייבן זיך די שטראָמען,
נאָר פּערל ציִען סודיק אין די טיפן.

אויף ליבשאַפּט פּרעג ביַי שטערן אויף די ראַנדן,
דאָרט וויַיט ווו אַלע זעגלען זיך פאַרקניפּן,
ווו ים שיט אויס צום הימל זיַינע זאַמדן
און זיפּט זיי דורך לבנהדיקע זיפּן.

אויף ליבשאַפּט פּרעג, נאָר קניפּ זי ניט צום אַנקער,
נעם צו ביַים ים איין רגע בלאָע טבילה,
און ווען די כוואַליע איַילט אַוועק — אַ דאַנק איר,
און שיק נאָך איר דיַין בליק — צוויי זעגלען שטילע.

ווען דו בעטסט מײַן באַריר
און איך בין ניטאָ,
נעם דעם שאָטן פֿון מיר
און זוך מײַן פּנים
אין דער פֿאַרנאַכטיקער שעה.
איך בין דאָ אין טוי אויף דײַן שויב,
איך בין דאָ אויפֿן וועג פֿאַר דײַן הויז,
און אויב דו ווילסט —
רײַס מײַן האַרץ פֿון דער שקיעה אַרויס
און שטעל אויפֿן טיש ווי אַ רויז.

און קומט די שעה פֿון געוועלק און צעפּאַל,
ווען עס צעשטויבן זיך בליטן און בלעטלעך —
זוך מיך אין דופּטיקן שטויב,
אויך שטויב קאָן זײַן געטלעך
און ראוי צו לויב;
און ווען עס צעפֿליט זיך דער שטויב —
אָטעם מײַן אָטעם אין ווינט.
איך בין אין דעם שוועביקן לויף
וווּ גאָרניט פֿאַרשווינדט.

און זאָג ניט אַז ווײַט,
און זאָג ניט פֿאַרגאַנג.
די ווײַטקייט איז נאָר אַ גרײַז פֿון דעם אויג,
די שקיעה איז נאָר דער שאָטן פֿון שרעק.
אָט נידערט די זון צום אָפּגרונט גענויגט,
געפֿינסט איר ווידער באַגין אויפֿן ברעג.

א

ס׳האָבן זיך יאָרן געביטן
מיט זריעהס און שניטן,
אַזוי פיל בלעטער געפאַלן,
און אַזוי פיל נײַע געבליטן,
און דו, מיט יִחוּס פון חוה, —
ביסט מײַנע געבליבן — אַ חבר.

ווער בין איך צו דיר?
ניט האַר און רעגירער,
באַפעלער, מושטירער,
מיט מאַנשאַפט שטאָלצער באַמאַנט.
כ׳האָב דיך אין טרויער געזען,
מיר צוויי שאָטנס אויף דער זעלביקער וואַנט;
כ׳האָב דיך אין מײַנע אויגן געזען, —
אין פײַערגאָלד פון חלום בײַנאַנד.

אונדזער שטוב —
דו האָסט די וואַסער אויף דילן צעגאָסן,
איך האָב זיי געווישט מיט מײַן האַנט.
אונדזער פעלד —
מיר האָבן צוזאַמען גענאָסן
פון טוי און האַמסיניקן בראַנד.
מיר צוויי —
מיר האָבן די צאָרנס און די פאַרדראָסן
אין ווייטיק פאַרגוטיקט מיט גלעט פון פאַרשטאַנד.

יאָרן וועלן נאָך קומען און גיין,
און דו מיט יִחוס פון חוה — אַ חבר צו מיר.
געאָרעמט אין פרייען, געטוליעט אין ווייען —
מיר וועלן נאָך שנײַדן, מיר וועלן נאָך זייען
אָן אַ שיעור, אָן אַ שיעור.

ב

ווי אַמאָל, צווישן כּרמל און ים,
אין חאַמסיניקן פלאַם,
אין גליווינטס צעברויזטן קאַדריל —
קומען באָרוועס און שטיל
צו דײַן אָפענער טיר,
זיך בייגן צו דיר,
און דו — מיט אַ קרוג אַ צעקוואַלטן
צו וואַשן מײַן קאָפּ,
און וועקן מײַן פרייד,
וואָס האָט זיך אין זאַמדיקע ווירבלען באַהאַלטן.

און ווידער אַמאָל אײַלן אין ציטער
מײַן דאַנק דיר צו ברענגען, —
אַ זון־ברוינע פּיטע
און אַ קיל טרויביק הענגל,
און קני̇ען פאַר דיר ווי אַ לאַם בײַם וואַדי,
מיט אַ גרעזל אין מויל — אַ סימן,
אַז פאַר מײַנע טעג, מײַן גראָע סטאַדע,
ביסטו אַ ברונעם און אַ הימל.

ג

מײַנע פינגער אויף דײַן קאָפּ האָבן געציטערט,
פון גרויס שווײַגן האָבן אויפגערירט קלאַווישן,
און די פּאַסמעס אויף דײַן שטערן, גראָלעך, שיטער —
האָבן ווי אַמאָל, גאָלד־לאָקיקע און פרישע —
מיט זונשײַן מײַנע פינגער אַדורכגעפּײַערט,
אַוועקגענומען דעם מידן שלוכץ פון עלטער.
און ווי אַ בוים — אין געבלי אַ נײַער —
האָב איך דערפילט אַ ליבשאַפט צו וואַלד און וועלדער —
איך געהער דיר, אַלעמען, צום גאַנצן לעבן,
אַז אַן דיר בין איך ווי אַ ברונעם אָן די קוואַלן.
— — — — — — — — —
אַ נײַעם פּאָדעם האָסטו אָנגעהויבן וועבן,
און אַ גראָע האָר איז פון דיר אַראָפּגעפאַלן.

ד

און איצט איז פרי,
אין ליוליעניש פון שטערן,
קוים צו הערן —
שאַרט אַוועק די נאַכט
דײַנע ווייכינקע פּאַנטאָפל.
טוסט אָן די שווערע שיך
און אײַלסט שוין אין קיך
צו די קאַרטאָפל.
די קעסלען זידן און עס בולבלט,
ניטאָ קיין צײַט צו וואַרטן.
און דו — פאַרשעמט, מבולבל, —
בינדסט און בינדסט, און ניט פאַרבינדסט דײַן פאַרטעך.

נאָך נאַכט אין דיַינע אויגן, חלום, דרימל,
נאָר וויַיט, שוין וויַיט דאָס טעלערל פון הימל,
וואָס כ'האָב דיר צוגעזאָגט
אַמאָל אויף בערג, אין לבנה-קלעטער.
אָט קלינגט אין פעלד דער גלאָק,
און דער גרויסער בוים פון טאָג
צערוישט שוין זיַינע בלעטער.
נו גיכער, גיכער, גרייט דעם פרישטיק,
אַ גאַנצער קיבוץ וואַרט שוין אין דער טיר.

נעם צו מיַין ברכה,
אַזוי פיל ליכט און אַזוי פיל לידער
בענטשן דיך אין מיר.

דו סודיקע דו, וואָס ביסטו פאַר מיר?
אַ צייכן, אַז איך בין ניט אַליין.
דײַן בלאָנדקייט אין טיר ליכטיקייט שפּרייט, —
זאָג איך גוטן־אָוונט זיבן מאָל גוט,
און אַלץ ווערט אַ פרייד אויף שוועל פון דער היים,
און אַלץ ווערט אַ היים אין אָט דער מינוט.

✶

גיסט מיר אַ העמד צו בײַטן דאָס העמד פון טאָג,
הייב איך אויף מײַן לויב און איך זאָג:
אַ לויב צום פלאַקס וואָס וואַקסט,
און אַ דאַנק דײַנע וואַרעמע הענט.
העלט אויף אונדזער שטוב ביז ערדישן אַקס
אין שטערן־געבלענד.

✶

אַזוי דין מײַן הויט
און איך קוק דורך איר אַרײַן,
ביז איך זע דאָס ברויט
אויף קלאַווישן פון מײַן ביין.
אַזוי דין מײַן הויט,
און עס שפּאַרט דורך איר געזאַנג.
אַ הימען צו ברויט,
אַ זײַל פאַר דער וועלט — יעדע זאַנג.

א

שטילער, שטילער, קוים אַ פליג צו הערן.
אַזוי זאַמלט זיך צווישן בערג אַ שטורעם.
די רו רירט, אַט פאַלט אַראָפּ אַ שטערן,
און באַלד וועט אַ מענטשל אַרוים פון פורעם.

ב

שרעק און גליק, עס שפּאַרט דער פייערשטראָם פון ליידן,
דו ליַיטערסט איצט דיַין גאָלד אין דעם רויטסטן טיגל.
אין צאַפּלקראַמף פון דיַינע אינגעווייִדן
ווערט אַ וועלט מיט קוש געזיגלט.

ביין פון דיַין געביין און פלייש פון דיַינע פליישן
אין אָטעם געטלעכן ווערט איצט געטובלט.
טיף אין דיַין ווייגעשריי ווידערט דער בראשית,
מיט יהי־אור גייט אויף דיַין עופל.

פון טיף נאַכטעניש, פון שמאַכטעניש אַ בלינדער,
נאָר ליכטער שפּאַרן שוין און אויגן זוכן.
קומט אַריַין, זקנים, נעמט אויך מיט די קינדער, —
אויף לבנה־טאָץ טראָגט שוין די זון איר קוכן.

ג

מיט ליכט געמערט, מיט ווייטיקן געטאָפּלט.
נאָך אַ קול בת-קולט אין טאָגיקן געהילך.
דער בלינדינקער, צו נאַכטיקייט גענאָפּלט —
בעט זײַן פֿרײַהייט, הנאה פֿון ליכט און מילך.

מיט צוקעניש און שרײַעניש זײַן מאָנען,
און די פּיסלעך — זיי באַלעוועו פֿון בינד.
אָט דאָס פּיצל וועט אַמאָל טראָגן פֿאָנען
און אַנטקעגנגיין דעם האָגל און דעם ווינט.

אַזאַ מענטשל וואַקסט — ניט נאָר צו פֿאַרוויגן
זײַן שוואַך געביין מיט אַ פּיטומל אין מויל.
אַ מענטש וואַקסט אויף — צו קריגן, אויסצוזיגן
זײַן ברויט און חלום פֿון גורל און פֿון גרויל.

און ליכט פֿון ווײ — לאָמיר צינדן, מערן,
און זאָל ער הערן פֿון בעכערס דעם געקלאַנג.
פֿאַר זײַנעטוועגן איז געפֿאַלן אַ שטערן,
הייבט אים אויף מיט אַ געזאַנג!

*

ניסן.
עס לויפן חמורים, די עקן פאַרריסן.
שוימיקע נאַקנס,
פריַיכיקע נעזער.
וואָס רעוועסטו, אייזל?
עס פּלאַצן די שטיינער פון גרעזער —
לויף איך אַ פליק טאָן אַ גרעזל.

ניסן.
די ערד ווערט ווידער געבוירן,
און אַזאַ קינאה, חמורים! — —
ווער קניפּט אונדז צו ווינטער
מיט שאָטן און צווינטער?
העי, די שימחה ווו נעמט מען,
און דאָס פאַרפרוירענע האַרץ ווי גיט מען
אָט די שפע פון פאַרבן און ריטמען?!

*

אין אזא טאָג קומען שפּערלען צו די ווערבעס —
אַ פּיק טאָן די צעראַצטע קאָרעס: הערט! —
פרילינג אויף דער ערד!
און זיי, די אַלטע ריטערינס פון טרויער,
וואָס שאָקלען־שיקלען תמיד מיט באַדויער:
— ווײ, באַשערט — —
אַ צוק גייט דורך אין זייערע גלידער:
— אפשר טאַקע יאָ?
— זיכער! צעזינגען זיך די שפּערלען,
זיכער יאָ!
און זיי פּאַטשן מיט די פליגל:
— פאַרשפּעטיקט ניט די שעה!

*

דו ביסט פלאַם, און אויף דײַן פּנים — אַש.
דו ביסט קוש, און דײַנע ליפּן — צו.
ניט פֿאַר דיר דער לײַכטער צערטל־נאַש
וואָס זײַן סוף און אָנהייב איז די רו.

פֿון אונטער אַש גליט אַרום דײַן פֿלאַם,
נאָך ניט געקילט אויף דעם לאַנגן וועג,
און הײַנט טייל איך מיט דיר בײַזאַם
איין וווּיטיק מיט בליִונג צוגעדעקט.

אין דרויסן פֿרילינגט, אָ, נאָך אַ מאָל.
איין פֿרילינג קאָן דער ערד ניט סטײַען.
נאָך אַ מאָל קושן זיך באַרג און טאָל,
און קינדער שמייכלען נאָך לוויות — —

און אויך דײַן אַש הייבט אויף די פֿונקען,
דײַנע אָרעמס — צעעפֿנט, גרייט.
און איך — פֿון דײַן גלות באַטרונקען, —
איך פֿלאַפּל: פֿ ר י ל י נ ג,
און דײַן האַרץ פֿאַרשטייט.

ווײַל מיר ביידע ווילן ווערט די שטוב אַ וואַלד,
און זע אַ וווּנדער — ווי די מעבל גרינען.
אַ געשלייערונג פון שאָטנס אונדז באַהאַלט,
און אין קליינעם שטיבל, די באַהעלטעניש —
אַ וועלט, אַזאַ זינגענדיקע וועלטעניש,
אַ קאַפּעליע פון פייגל און בינען.

און מיר צוויי, איינזאַמע, ווייזאַמע ביידע —
מיט פייגל און בינען אין איין קאַפּעליע.
עס מישן זיך אוים די ווייען און פריידן,
פון איצט און אַמאָל די חלומות אוןליידן,
און אויף דיל, און אויף וואַנט, און אַריבער דער סטעליע —
אַזאַ ליכט! — לאָמיר זאָגן: גן־עדן! — —

צי דערקענסטו דעם בוים וואָס גלעט דעם לאָדן?
געדענקסטו דעם טויער וואָס גאָט האָט פאַרשלאָסן?
אָ, לאָמיר פאַרגעסן אַלע פאַרדראָסן,
מיר, חוה און אדם.

אין פעלד

צו עין־שמר

א. מיט עפל און שוואַלב

אין דופט פון בוים וועט מײַן אומעט ניט האַפטן.
אין ליכט פון בוים וויל מײַן שאָטן אויך ליכטן.
קאָרמע מיך, פרילינג, מיט דײַנע זאַפטן
וואָס שטראָמען אַרוים פון ערדישע שיכטן.

מיט עפל און שוואַלב אויף איין צווײַג צעהוידעט
וועל איך זינגען מײַן ליוב צום גוטס פון די טיפן.
איך וויל ניט בלײַבן אַליין, אַ מתבודד,
אין שאָטן פון וועגט מײַן איך נאָר צו איכן.

מײַן הונגער צו זון — מיט בראַנד אויף די ליפּן.
מײַן תפילה צו פרייד — דערהויבן פון בראָכן.
טעג העלע, יאָכיקע, טוט מיך פּאַרקניפּן
מיט ליכט און מיט דופט, מיט שטראַליקע יאָכן.

אַ גראָב טאָן נײַע קוואַלן — צו דערפרישן.
אויף טוענדיקע פינגער — אַן אמונה.
גרויסע וועלט, דו ביסט נאָך אַלץ אַ קרישל,
דו האָסט דײַן גרויסקייט נאָך ניט געפונען.

און מעגן געטער כּעסן אויף דער העזה,
און מעגן אַלע תּמימים אויף אונדז גאַפן.
מיר, די פאַרליבטע אין עולם־הזה —
מיר פאַרקאַשערן די אַרבל צו באַשאַפן.

פעלדזן פּלאַצן מיט שײַנענדיקע שטאָפן,
און קוואַלן שלאָגן צו אַ נײַעם ברונעם.
וועלטס בלאָער פאַרמעט פלאַטערט אָפן,
און אויף די פינגער — אַן אמונה.

ג. טרויבן

צום ווײַנשטאָק בין איך געקומען
זיבן יאָר נאָכן געפלאַנץ,
און טרויבן האָב איך געפונען —
רײַפע, מיט זונליכט באַגלאַנצט.

כ׳האָב אויך געזען די ווונדן,
טיף אײַנגעשראַמט, אײַנגעקאַרבט.
זיי האָבן נאָך מער געצונדן,
מײַן דאָרשט און מײַן נייגער געהאַרבט.

מיט סאַראַ צוקן פון פינגער
האָב איך די טרויבן געפליקט!
שעם זיך ניט שמייכלען אַצינדער
צום ווונק פון זעלטענעם גליק.

ניט שעם זיך דעם נס צו דערציילן
אַט ווי ער איז אויף דער וואָר,
זאַפטיקע טרויבן צעטיילן
נאָך זיבן ווונדיקע יאָר.

נעם אויף די דלאָניעס אַ שטענגל
און גיי אַרום אויפן שליאַך.
הענג עס אויף שטערן-געהענגל
לכּבוד דעם ווײַנשטאָק — צו אַכט.

זאָלן די טרויבן באַפֿינקלען
דעם מידבּרס האַרטן געהויל.
איך וועל אין מײַנע פּיר ווינקלען
ציִען דאָס הענגל צום מויל.

אײַל זיך ניט, אומעט,
כאָטש זומער פֿאַרזומערט.
געפּלאַצט האָט דאָס ליכט ווי בורשטין,
און ס׳לעשט זיך אויף פעלדער דער גרין,
נאָר דער מילגרוים האָט נאָך ניט פאַרשפּעטיקט,
די אַרבוזן נאָך טויגן,
און קאָנסט נאָך געפינען אין אויגן
אַ רמז אַ צאַרטן.

דאָס בײַדל שטייט אָפן,
און עפּל שוין וואַרטן,
זאַפטיקע, קאַלטע,
אין שאָטן באַהאַלטן.
דאַרטן,
אויף דופטיקע שטאָסן,
מיט טוי־זאַלב באַגאָסן —
קיניגט די מלכּה פון גאָרטן.
זי איז דאָרט נאָר איינע,
צו איר מורמלען בלעטער
דעם חלום פוןביימער.

זי איז איינע,
צו איר קומט ניט קיינער,
ניט העלדישער רײַטער,
ניט איידעלער ריטער,
נאָר דו, מידער שניטער,
וואָס ביסט אויף די פעלדער געגאַנגען,
צעמורשט ווי געדראָשענע זאַנגען,

נאָר דו מיט דײַן קומער
אין בליק דעם באַהאַרצטן —
דו װעסט אַ קוש פֿון איר פֿאַנגען,
און װעסט נעמען דאָס ליכט פֿון דעם זומער
מיט איר אין בײַדל צו האַרבסטן.

— — — — — — — —

אײַל זיך ניט, אומעט.

ה. ערשטע טראָפּנס

די אויגן ציִען פֿאַרוווּנדערט, —
ווי שיין יעדער טראָפּן באַזונדער
מיט שטראַלן באַשנירלט
דעם באַרג-האָלדז דעם הויכן.

צו פּערל אַזעלכע
וועט קיין טויכער ניט טויכן.

שיין — ביז שטאַרבן.
זע, מאָלער,
ווי זון מישט אין רעגן די פֿאַרבן.

אַזוי וואַרעם דער רעגן,
טוליענדיק,
טרערנדיק,
מאַמיש.
און ווער האָט בײַם וואַלד דאָרט
אַזוי פּאַנאָראַמיש,
זוניק און פֿאַניש
צעשטעלט זיך?

אַ הירש אַ פֿאַרגאַפּטער,
ווי אַ סטאַטוע פֿאַרגליווערט,
קאָנסט אים שערן די הערנער.

איין רגע — אָט רירט ער
דער באַרגיקער שאָנקייט אַנטקעגן.
באַלד וועט אויך אַנטלויפן דער רעגן
אויף זײַנע גאָלדגיניקע הערנער.

זייער,
צעשפּרייט דײַנע קערנער!

לעגענדישער בלענד,
מאגיש פארנאכטיקע שפיל.
מאַזאָליקע הענט
וועבן לבנה־געהיל.

ווו בין איך אצינד,
און וואָס אצינד, שפעט צי פרי?
לעגענדיש זיך שפינט
דער סוד פון בליִונג און פרי.

אוודאי פארנאכט,
נאָר בינען זענען ניט מיד.
דער האָניק אין טראכט
איז דער געזשום פונעם ליד.

מען זופט פון דעם צוויט
און מען גיט האָניק דער וועלט.
צוויט שיט זיך און שיט
און אויף די פנימער העלט.

אלט, יונג — טריט ביַי טריט,
אין געהוידע פון וואָר און סוד.
זע, אלץ הוידעט־מיט
אין ניסנם בלי־קאראהאָד.

אין צוויטיקן רעגן

נאַכטיקע בלויען פֿאַרשווינדן
אויף דײַנע וואַרעמע ברעמען.
זאָל אין דעם זוניקן צינדן —
זי, אונדזער נאַכט, זיך ניט שעמען.

כ׳זע דיך אין פֿרי־טוי געצוואָגן,
אַזוי ווי ס׳זעט דיך ניט קיינער.
כ׳וועל אונדזער סוד איצט אויסזאָגן
פֿאַר גראָזן, קוסטן, און ביימער.

וואָס איז זיך איצטער צו שעמען?
פרילינג איז חתן צו אַלע.
הייב אויף, דערהייב דײַנע ברעמען,
די גאַנצע ערד איז איצט כּלה.

אויך גראָזן, אין מערציקן גליִען,
מיט בינען טאַנציק צעהוידעט —
איינער צום צווייטן זיך ציִען
מיט ליפּן — קושיקע סודות.

קום, לאָמיר דורכגיין אין צווייען
אונטער דעם צוויטיקן רעגן.
קום מיט דעם פרילינג זיך פרייען,
וועלט ווערט געבוירן די רגע.

די ביימער — אָרעמס צעעפֿנט,
די קוסטן — האַריקע קרויזן.
זע די גן־עדנשע עפּל,
זע די אַמאַרישע רויזן.

דאָס איז דער רמז פֿון צוויטן
אויף אונדזער פֿאַרביק פֿאַרמעגן.
בוים, קוסט, און גראָז, מיר — אין מיטן.
קום אין דעם צוויטיקן רעגן!

אינהאַלט

אַ מושל בײַם ים

אַ מושל ביים ים 7
פרעג די פּאַווע 11
מאַמע 12
אָט איז 14
דיין פּנים 16
אין טאָג פון מיין געבוירן 18

ברידער

א. זאָגט, ברידער 20
ב. פאַרשעמטע פּאָנעץ 21
ג. מיר, פון אַלטן שבט 22
ד. סטרונעס 23

געבויגענע זאַנגען

אַזוי טוט די צייט 27
פעדעם 28
צער 30
זאָל איך זאָגן 33
די שעה פון זכרונות 34
צום הינטל לוקי 36
אויף דעם גליט מען אַ לעבן 38
דעם טרויערס שוועסטער 39
„דאָס ייִנגל" פון פּיקאַסאָ 40
ווער זעט נאָר פרייד? 42
„די לייענערין" פון רענואַר 43
קאַמעלעאָנען 44
דער אָפענער מילגרוים 46
די קענגורין 48

די שאָטנס פון זומער

א. אין יענעם זומער 50
ב. אין ליידיקע שטיבער 51
ג. אַ טענה 52
ד. די צוואה 53
ה. פון דער טיף 54

גלאַדיאָלעס 55
נאָך יעדן שטרויכל 56
אָלעאַנדערס 57

אַ דאַנק צו דער ערד

צו דער זון 61
יעדער טאָג 62
פון ספר ב ו י ם 63
אין אַזאַ פאַרנאַכט ווען איך ניט שטאַרבן 64
טעג און שעהן 70
צו אַ פייגעלע 71
עפּיטאַף 72
אַ דאַנק צו דער ערד 73
אונדזער דאָרף איז נאָך יונג 77

ווונד און חלום

תּמיד 81
ניט אַ קנעכט 82
און איידער 84
ניט ווי זיי 85
אַנטקעגן די געצן 86
אַזוי זאָגט דאָס ליד 88
צו אברהם סוצקעווער 90
ווונד און חלום 92
חבר 93
ס׳איז אונדזער זכות 94
צו יעקב פרידמאַן 95
ווערטער יידיש 96
דער שמיד זינגט 97
מיין שיפערשאַפט 98
יינגל 100

קערנער אויף ברוקן

פון מיין ליימיק שווייגן 105
איך בין געקומען דאָ 106
חאַמסין 107
מידבר 108
נייער טאָג 109
באַלאַדע פון תש״ח 110

דריי לידער פון סינדיהאַו

א. צו מיין באַגלייטערין 115
ב. ווי אַ לאָגל 116
ג. אונדזער שוועסטער 117

קערנער אויף ברוקן
א. אומעטום 118
ב. דיביימער פון שטאָט 119
ג. פונקען 120
ד. דער וואָס געדענקט 121
ה. דיינע מוליאַרעס 122
ו. אַ גוטע נאַכט 123
ז. ברודער 124
מתנה פון פעלדער 126
צוויי האַרבסטן 128
צו חיפה 129

אין צוויטיקן רעגן

אויף ליבשאַפט פרעג 133
ווען דו בעטסט 134
מיר צוויי 135
פאַרנאַכטיקע לויבן 139
געבורט 140
ניסן 142
אין אַזאַ טאָג 143
דו ביסט פלאַם 144
ווערט די שטוב אַ וואַלד 145
אין פעלד
א. מיט עפל און שוואַלב 146
ב. אין דיין בראשית 147
ג. טרויבן 148
ד. שפעטזומער 150
ה. ערשטע טראָפּנס 152
ו. בינען 154
אין צוויטיקן רעגן 155

ביכער פון זעלבן מחבר

ל״ו שירים על לייזר ציפרס, פּאָעמע, איבערגעזעצט דורך א. שלאָנסקי 1939
אין טויער פון טעג, לידער און פּאָעמעס 1947
אין וואַכיקן ליכט, לידער און פּאָעמעס 1953
דערשינען אין פאַרלאַג „ספרית פועלים“